# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kheshbn No. 146 - Fall 2005 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/8v49z1q8

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 146(1)

**Publication Date**
2005

**Copyright Information**
Copyright 2005 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און קולטור־פּראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
**לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב**

# 146


האַרבסט
תשס״ו

AUTUMN
2005

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

## אַלע אונדזערע אַבאָנענטן,
## לייענער און מיטאַרבעטער
## ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט,
## גליק און שלום.

*רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג*
*פון "חשבון"*


H E S H B O N
*PERIODIC LITERARY REVIEW*
8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**JACOB LEWIN,**
6365 Orange St. CA 90048 - Tel. 323 939 7379

Members: **L. MEISNER, Z. MALEVITZ, N. STEINMAN, J. SOSKI**

**יידישע חבורה פון פּאַסיפיק פּאַליסיידס**
ווינטשט אַלעמען אַ געזונט און גליקלעך ניי יאָר,
עס זאָל זיין אַ יאָר פון שלום פאַר אַלע יידן.
לשנה טובה תכתבו.

**לי לעווענטאַל - סעק.**

באַסנער, יעקב

דזשאָיס, טאַמאַראַ

הענדלער, טרוים און פראַנק

וועלטמאַן, פּראַניע -
אין אָנדענק פון מיין
שוועסטער נאַבע שלאָסער

טעלעראַנט, אסתר

לאַקס, לאה

מאַלעוויטש, פּסח און זעלדע

מעלניק, משה און אַדינאַ

סאָסקי, יוסף און העלען

סטעמפּל, טינאַ

פּיילי, אהרן

ד"ר פישמאַן, ברוך און בעטי

קאַהן, גרוניאַ

הרב קיעל, מרדכי

ראַכמאַן, נחמן

שווייצער, לאה
אין אַנדענק פון זיסל סטערלין

שקליאַר, דאָרקע און משה

Biblioteque Nationale, France

Hebrew Union College

# אינהאַלט

ה. לייוויק: ליד ........ 3
א. שפּיראָ: ה. לייוויק - זיין לעבן און ווערק ........ 4
מ. שטערן: לידער ........ 14
ל. מייזנער: "אָדע" צו אַ פאַרגאַנגענער צייט ........ 16
מ. בן שלמה זאב (וואָלף): פראַנץ ראָזענצווייג און זיין הויפּט־אידעע "צום לעבן" ........ 19
פּאָעזיע־קאַבאַרעט, לידער פון: ........
פ. פלאָטקין ........ 22
מ. קאָראַל ........ 24
ל. שווייצער ........ 26
י. לעווין ........ 28
ש. טרייסטער־מאָסקאָוויטש ........ 29
מ. שקליאַר ........ 30
א. מאָסטאָוויטש: קאַפּיטל פון בוך: "מיט אַ געלער לאַטע און אַ רויטן קרייץ" ........ 32
ש. סימכאָוויטש: לידער ........ 40
ע. פישבין: דער מאַקס פלאַטשעק־קאַטאַלאָג פון "יד ושם" ........ 41
מ. אייזענבוד: אין אַ "באָרדינג־האַוז" (דערציילונג) ........ 47
מ. וואָלף: יידן אין יאַפּאַן ........ 55
מ. שקליאַר: מיט דעם יידישן ליד אין דער גרויסער וועלט ........ 58
ט. קאַץ הענדלער: לידער ........ 61
* אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........ 62
כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ........ 63
באַגריסונגען ........ 65

---

(סוף פון ז' 39)

– לאָמיר זאָגן, אַז איר וועט איבערלעבן די געטאָ... דאָס וואָלט געווען אַ נס... און מען וועט לויבן אייערע הײנטיקע באַשלוסן און אפשר ניט נאָר די הײנטיקע. אפשר וועט אַפילו איבערלעבן עמעצער פון די, וואָס איר האָט געראַטעוועט אויפן חשבון פון אַנדערע... ער וועט אייך פאַרגעטערן. איר וועט הערן קאָמפּלימענטן... און די וואָס מען האָט אַוועקגעשיקט אַנשטאָט אַנדערע צום טויט, וועלן ניט האָבן קיין שום טענות, קיין שום טענות...

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. קיינער איז ניט געווען אין קעמערל. ניט גוט, האָט ער געטראַכט, איך האָב האַלוצינאַציעס.

אין דער טיר האָט זיך געשטעלט דער פּאָליציאַנט. ער האָט ווי פריער גלייכגילטיק צוגעלייגט צוויי פינגער צום דאַשיק פון היטל.

– נו, און נאָך דער לעצטער היינט, דאָקטער. גאָט צו דאַנקען!

איבערזעצט פון פּויליש: **העניע ריינהאַרץ**

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון
נומ. 146

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור און
קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
יעקב לעווין, פאַרוואַלטער
זעלדע מאַלעוויטש
לילקע מייזנער
יוסף סאָסקי
נתן שטיינמאַן

60־ער יאָרגאַנג, נומער 146 • האַרבסט 2005 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

ה. לייוויק

## יום־טוב

איך בין שוין גרייט פאַרן לעצטן יום־טוב,
אויך דער יום־טוב איז גרייט פאַר מיר:
איך דאַרף נאָר מיין נייעם אָנצוג אָנטאָן
און אַרויסגיין פאַר דער שוועל פון מיין טיר.

און אַ קוק טאָן צי דער נעבטיקער שטורעם
האָט ניט צעשטערט אין מיין גאָרטן אַ בייט,
און ניט צעוואָרפן די גלייכע שורות
פון אַ זוים, וואָס איך האָב פאַרזייט.

אויב יאָ - וועל איך זיך מוזן פאַרזאַמען
אויף נאָך אַ שעה צי צוויי,
ביז איך וועל ניט צוריקשטעלן די צאַמען
און דעם שטח צווישן ריי און ריי.

און דעמאָלט מיט אַ רויקן געוויסן
און מיט פרייד פון געטאָנענער פליכט,
וועל איך אויף מיין אייגענעם קאָפּ לאָזן גיסן
מיין לעצטן טאָגס ליכט.

און מיט אַלעמענס גורל אַ פאַרקניפּטער
וועל איך לאָזן פאַרקניפּן נאָך אַ קנופּ,
און אַ פאַרגעבנדיקער און אַ פאַרליבטער
וועל איך אויפפלאַטערן, ווי אַ פאָן, אויף אַ סלופּ.

אהרן שפּיראָ / קרית ביאַליק

# ה. לייוויק - זיין לעבן און ווערק



אַ ניצול־געוואָרענער פונעם חורבן, האָב איך נאָך דער מלחמה געזוכט שפּורן פון מיין היים און משפּחה אין דער מעדיע, פּרעסע און חורבן־ליטעראַטור, איז מיר דעמאָלט געהאַט אַריינגעפאַלן אין האַנט לייוויקס פּאָעמע "אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען", ווו ער פירט אַ חשבון מיט גאָט:

"איך דער בורא־עולם, רוף צום משפּט
זיך אַליין
און איך זוך אַ שופט פאַר זיין אָנגעזיכט
צו שטיין:
קלאָגט מיך אַלע אָן, פאַר לאָזן
פון זיך מאַכן -
פון אַ גבורדיקן פייער־גאָט אַן אָרימאַן
אַ שוואַכן.

משפּט מיך פאַר צולאָזן, אַז מענטשן־הינט
זאָלן אויפעסן אויף טויט ישראלס הויזגעזינט.
וואַרפט מיך אין אַ גאַז־אויוון אַריין, מיך פאַרשלעפּער,
מיך, דעם שטומען בעטלער, דעם געוועזענעם באַשעפער".

וואָס אַן אמת האָט לייוויקס פירן אַ חשבון מיט גאָט פאַר צולאָזן "מענטשן־הינט זאָלן אויפעסן אויף טויט ישראלס הויזגעזינט" מיר נישט געהאָלפן טרעפן עמעצן פון מיינע נאָענטע, ער האָט אָבער אויפגעוועקט אין מיר אַ נייגעריקייט צו באַקענען דעם דיכטערס לעבן און שאַפן. כ'האָב גענומען לייענען זיינע לידער, פּאָעמעס, דראַמעס, זיין פּראָזע־בוך "אויף צאַרישער קאַטאָרגע", און אויך קריטיק פון פּראָמינענטע שרייבערס וועגן לייויקן דעם ייד, מענטש און דיכטער.

* * *

ה. לייוויק (לייוויק האַלפּערן) איז געבוירן אין דעצעמבער 1888, אין ווייסרוסישן שטעטל איהומען, מינסקער גובערניע. ער איז געווען דער עלטסטער פון 9 קינדער ביי אָרעמע טאַטע־מאַמע, שאול און אסתר־רבקה האַלפּערן. לייוויקס פאָטער האָט געצויגן די בידנע חיונה פון לערנען מיידלעך דאַוונען פון סידור, לייענען אין צאינה־וראינה און שרייבן אַ בריוו.

לייוויק שילדערט זיין פאָטער ווי אַ בייזער טאַטע, וואָס פלעגט שלאָגן די קינדער דאָס יינגל האָט מורא געהאַט פאַרן טאַטן, אָבער טיף אין האַרצן האָט ער אים ליב געהאַט. לייוויק שרייבט, אַז זיין פאָטער איז אין האַרצן געווען אַ גוטער, ער האָט זיך אָבער געשעמט עס אַרויסצווייזן. ווען ער איז אין יאָר 1925 געפאָרן פון אַמעריקע באַזוכן סאָוועט־רוסלאַנד, איז ער געגאַנגען צו זיין פאָטער אויף קבר־אבות. ער איז

דעמאָלט געוואָרן אינספּירירט פון אַן אינערלעך געפיל, ווי ער וואָלט געהערט רעדן זיין טאַטן פון אונטערן קבר:

טראָג אויף דיין האַנט מיינע אַלע באַרירן,
טראָג אויף דיין מויל מיינע אַלע קושן,
וואָס איך האָב געוואָלט און געזאָלט
און אייביק געשעמט זיך דיר געבן.

זיין מוטער שילדערט לייוויק, ווי "אַ שטילע מיט אַן אומעטיק פּנים און גוטע אויגן" ביי וועמען ער פלעגט, ווי אַ קינד, זוכן צערטלעכקייט. די מוטער האָט געמוזט העלפן אין דער פּרנסה, פלעגט זי אויפשטיין פאַרטאָג און זיך שטעלן באַקן ברויט און בייגל. דערנאָך פלעגט זי אַ האַלבן טאָג שטיין אין אַ ביידל אויפן איהומענער מאַרק און פאַרקויפן איר געבעקס...

ער האָט גרויס רחמנות געהאַט אויף זיין מוטערס אָרעמער דאָליע, וואָס האָט אים נישט געלאָזט רוען. אין יאָר 1915, נאָך זיין קומען קיין אַמעריקע, האָט ער דערציילט, אַז נאָך זייענדיק אין טורמע פלעגט זיך די מאַמע אים באַווייזן אין חלום, און ער האָט עס אַרויסברענגט אין אַ ליד:

איך האָב געזען אין חלום היינט מיין מאַמען
מיט אירע אויסגעוויינטע אויגן,
אין קראָם איז זי געזעסן אויפן גאַניק,
דעם קאָפּ צום דיל געבויגן.

אין שויס געלעגן איז דער קליינער ברודער מיינער,
געזוכט די ברוסט צו זויגן,
און ס'האָט דאָס קינד קיין טראָפּן מילך געפונען -
די ברוסט איז איינגעצויגן.

עס האָט דאָס קינד געוויינט, געוויינט - ביז וואַנען
ס'איז שטום געבליבן ליגן.
די מאַמע האָט געהערט דעם קינדס געוויינען,
געזעסן און געשוויגן.

* * *

לייוויקס לעבנס־וועג איז געווען אויסגעלייגט מיט דערנער און יסורים. ווען ער איז 6 יאָר אַלט געווען, האָט זיינס אַ יינגער שוועסטערל זיך אָנגעצונדן פון אַ פונק פונעם איינגעהייצטן אויוון און, נאָך אַ סך חדשים ליגן אין גרויסע יסורים, איז זי געשטאָרבן. פון דער מעשה איז לייוויקס קינדערישע נשמה איינגעהילט געוואָרן אין טרויער. שוין דעמאָלט האָט ער זיך געפרעגט: פאַרוואָס איז עס איר געקומען?

ווען ער איז אַלט געוואָרן צען יאָר, האָט זיין פאָטער אים אָוועקגעשיקט פון דער היים קיין בערעזין לערנען אין דער דאָרטיקער ישיבה. דריי יאָר האָט ער דאָרט געלערנט, געשלאָפן אויף אַ האַרטער באַנק אין בית־מדרש און געגעסן "טעג" ביי פרעמדע טישן. ביים לערנען אין דער ישיבה איז אין לייוויקן פאָרגעקומען אַן ענדערונג: דער ראש־ישיבה, ר' איטשע פראַנדעס, איז געווען אַ שטיקל משכיל און האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים העברעישן דיקדוק און זיי געגעבן צו לייענען השכלה־ביכער פון

זיין פּריוואַטער ביבליאָטעק. לייוויק האָט זיך צוגעכאַפּט צו פּרץ סמאָלענסקיס "התועה בדרכי החיים" און אַנדערע "אַפּיקורסישע" מעשׂה־ביכלעך. ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעהויבן אין אים וועקן פּאָליטישע אינטערעסן. ער איז אַריבער פון דער וועלט פון תורה און פרומקייט צו ראָמאַנטיק פון דער מאָדערנער קולטור און סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע חלומות.

אין זיינס אַ ביאָגראַפישן עסיי שרייבט לייוויק: "ווי אַ זון פון אַ כהן האָב איך מיט אומגעדולד געוואַרט צו ווערן בר־מצווה כדי ווערן ראוי צו דוכנען: "כ'וועל שטיין ביים ארון־קודש צוזאַמען מיט די באַבערדיקטע יידן, איבערדעקט מיט אַ טלית איבערן קאָפּ, און זאָגן 'יבורכך'... כ'האָב שוין דעמאָלט באַנומען, וואָס עס מיינט בענטשן דאָס פּאָלק אָדער זיין צווישן די וואָס בעטן גאָט, אַז ער זאָל עס בענטשן. און ווען ס'איז ענלעך געקומען דער מאָמענט, און איך האָב זיך געשטעלט, אום ראש־השנה, דאָס ערשטע מאָל מיט מיין טאַטן און אַנדערע כהנים צום דוכנען, האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן; ווען איך האָב אין כאָר מיט אַלע כהנים גענומען זאָגן 'יברכך' האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיין קול רייסט אויף די גאַנצע שיל צוזאַמען מיט מיין האַלדז. אַ שווייס פון אַנגסט האָט מיך באַגאַסן..."

דאָס איז געווען דער ערשטער אַקט פון לייוויקס דראַמאַטישער יוגנט־איבערלעבונג - שרייבט ש. ניגער. - דער צווייטער אַקט שפּילט זיך אָפּ מיט אַ יאָר שפּעטער... דאָס יינגל פאַרטוישט דאָס דאַוונען אין שיל, צו גיין אויף רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען אין וואַלד. דער נייער גלויבן האָט אים אויף אַ נייעם שטייגער פרום געמאַכט. ער איז געוואָרן אַ קעמפער פאַר פרייהייט און גלייכצייטיק אַ שרייבער פון לידער, און האָט באַשלאָסן, אַז זיין ליד מוז ווערן אַ במקום דוכנען און במקום דאַוונען - אַ באַנייונג פונעם אַלטן תפילה־ניגון. און אַזוי איז עס געוואָרן!

* * *

דער ערשטער צוזאַמענשטויס פון לייוויקן מיט דער צאַרישער מאַכט איז פאָרגעקומען אין אָנהייב 1906. איהומענער בונדיסטן, צווישן וועלכע ס'איז אויך געווען לייוויק, האָבן געפייערט דעם יאָרטאָג פון 9־טן יאַנואַר, אַ יאָר נאָך דעם ווען דער צאַר האָט באַפוילן שיסן אויף פעטערבורגער אַרבעטער, וואָס האָבן דעמאָנסטרירט פאַר זיין ווינטער־פּאַלאַץ. די איהומענער סטראַזשניקעס האָבן געכאַפּט דעמאָנסטראַנטן און זיי געשלאָגן מכות־רצח. באַלד דערנאָך פאָרט לייוויק, אין שליחות פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, קיין מינסק, אָרגאַניזירן אַ שטרייק פון דינסטמיידלעך. ווען ער איז אַהיים געקומען, סוף 1906, איז צו אים געקומען פּאָליציי אויף אַ רעוויזיע און געפונען אומלעגאַלע בונדישע ליטעראַטור. זיי האָבן אים אַרעסטירט און, נאָך עטלעכע וואָכן, אַריבערגעפירט אין מינסקער טורמע. צוויי יאָר האָט לייוויק געוואַרט אויפן פּראָצעס. מען האָט אים פאַרמשפּט אויף נאָך פיר יאָר קאַטאָרגע און אייביקער פאַרשיקונג קיין סיביר. דאָס זיצן זעקס יאָר אין תפיסה געשמידט אין קייטן האָט איבערגעלאָזט אין לייוויקס נשמה ביטערע שפּורן. ליגנדיק אויף די תפיסה־נאַרעס האָט ער אַרויסגעבערענגט זיינעליידן און פּיין אין ליד:

די נאַרע איז קורץ,/ נאָר שלאָפן מוז יעדער זיך לייגן - / לייגט איינער די פיס / דעם צווייטן אַרויף אויף די אויגן. / און איינער דעם קאָפּ / שפּאַרט אָן צו דעם אַנדערנס קייט; / די נאַרע איז ענג - / מוז יעדערער האַלדזן דעם צווייטן. / איך ליג אונטער צודעק / פון גרויען געוואַנט און טראַכט: / אפשר געשטאָרבן בין איך - / ביי דער טיר דאָס לעמפּל / ברענט יאָרצייט, / ברענט יאָרצייט נאָך מיר?

פון די פריסטע קינדער־יאָרן האָט לייוויקן באַגלייט אַ בענקשאַפט אויסגעלייזט צו ווערן פון פיין און פון נויט. די בענקשאַפט האָט זיך אָבער נישט באַצויגן בלויז צו אים גופא, ער האָט געטראָגן אין זיין סענסיטיווער נשמה דעם צער און ווייטיק פון אַלע ליידנדיקע מענטשן אויף דער וועלט.

מיטן רייף ווערן פון דער מוזע אין לייוויקס נשמה, האָט ער אין אָנהייב אויסגעדריקט זיינע ליידן אין אינדיווידועלע רעאַליסטישע לידער. מיט דער צייט איז ער אַריבער צו סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער ליריק, וואָס ער האָט אַרויסגעברענגט סימבאָליש אין פּאָעמעס און אין דראַמעס.

די ערשטע גרויסע גאולה־דראַמע, "די קייטן פון משיח", האָט ער געשריבן אין יאָר" 1908, זיצנדיק אין תפיסה אַ געשמידטער אין קייטן. ס'איז געווען נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וואָס האָט געזאָלט אויסלייזן די רוסישע אָרעמקייט און די פאַרשמאַכטע יידן אין "תחום־המושב" פון דער צאַרישער פאַרשקלאַפונג, און איז דורכגעפאַלן. אין דער דראַמע האָט לייוויק סימבאָליש אויפגעשטעלט אַ משיח וועלכער, לויט דער לעגענדע, לעכצט צו באַפרייען די מענטשהייט פון אירע ליידן. זיצט ער אָבער, לויטן באַפעל פון גאָט, ביי די טויערן פון רוים אַ געשמידטער אין קייטן און מלאכים אַרום וואַכן, און לאָזן אים נישט אויספירן זיין באַגער. לייוויק האָט אויפגעשטעלט אין דער דראַמע אַ מלאך עזריאל, ווי אַ מוסטער און אַ סימבאָל פון אַלגעמיין־סאָציאַלן און יידיש־נאַציאָנאַלן באַפרייונגס־קאַמף, וואָס איז אַלגעאָריש צו דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. דער מלאך עזריאל רעוואָלטירט קעגן די, וואָס לאָזן נישט באַפרייען דעם משיח און האַלטן אויף די גאולה פון דער מענטשהייט:

גענוג מיך צו שרעקן,
מיך שרעקט ניט אַפילו דער טויט,
איך וועל געבן אַ זעץ איבערביידע עקן
און פונאַנדעררייסן די קייט...
כ'וועל ניט לאָזן די פיס פונעם גואל פאַרשמידן.
אַז דער גואל דאַרף קומען אַהער, זאָל ער קומען
צו ברענגען גאולה און ניט כדי צו ווערן
אַליין אַ שטיק חורבן און שטיין דאָ און שטומען
מיט אויגן פאַרקלאָגטע, פאַרשעמטע,
מיט קנעכלעך פאַרדרייטע אין רינגען,
וואָס וועלן איין עובדה נאָר האָבן - קלינגען.
די וועלט קען ניט וואַרטן,
די וועלט וויל משיחן שוין!

* * *

אין 1912 ווערט לייוויק פאַרשיקט קיין סיביר, וווהין ער מאַרשירט צו פוס צוזאַמען מיט אַ מחנה פון דריי הונדערט פאַרמשפטע.

ער איז אָנגעקומען אין סיבירער דאָרף וויטים אויף אייביקער פאַרשיקונג. גלייך מיטן אָנקומען אַהין באַמיט ער זיך פון דאָרט צו אַנטלויפן. ער שרייבט בריוו צו זיינע חברים אויף דער פריי - אָפט אין פערזן - אייניקע פון זיינע בונדישע חברים האָבן פאַר דער צייט באַוויזן אויסצוואַנדערן קיין אַמעריקע און האָבן דאָרט זיך אָנגעשלאָסן אין אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו העלפן רעוואָלוציאָנערן

אין די רוסישע תפיסות איבערצוקומען די שווערע צייט, און אויך צו אַנטלויפן. לייוויקס פֿאַרבענקטע בריוו און לידער האָבן געווירקט אויף זיינע חברים, זיי האָבן געשאַפֿן אַ נויטיקע סומע געלט און געפֿונען אַ וועג עס איבערצושיקן דעם יונגן העלד, וועלכער האָט געשמאַכט אין די ווילדע סיבירער טייגעס און געבענקט נאָך פֿרייהייט.

געקראָגן דאָס געלט, האָט לייוויק איינגעהאַנדלט אַ פֿערד מיט אַ שליטן און, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, זיך געלאָזן אין אַ צוויי טויזנט ווירסטיקן וועג אַריין, וואָס האָט אים געזאָלט ברענגען צו אַ באַן־סטאַציע, וועלכע פֿירט צום אייראָפּעישן רוסלאַנד.

שפּעטער מיט יאָרן האָט לייוויק דערציילט וועגן דעם אין אַ ליד:

"לאַנגע ווינטערדיקע נעכט, / ווייסע שטראַלנדיקע טעג, / האָב איך איינגעשפּאַנט מיין פֿערד / לאָזן זיך אין וויטן וועג. / היי און ברויט און ווין געקויפֿט, / איינגענייט דאָס לעצטע געלט, / אָנגעטאָן זיך אין אַ פּעלץ, / מויל און אויערן פֿאַרשטעלט. / ניט געווירט פֿון שטוב קיין זאַך, / טיר און לאָדן ניט פֿאַרמאַכט, / צו דער שוועל זיך צוגענייגט / און געזאָגט אַ גוטע נאַכט".

דער אַנטלאָפֿענער אַרעסטאַנט־פּאָעט בלאָנדזשעט מיט פֿערד און שליטן אויף די סיבירער וועגן און ווען עס הייבט אים אָן דוכטן, אַז דער חלום צו דער אויסגעבענקטער פֿרייהייט וועט ניט מקוים ווערן, פֿאַלט ער אַריין אין אומעט און זינגט דאָס גוט־באַקאַנטע ליד:

"ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט / ליגט דאָס לאַנד, דאָס פֿאַרבאָטענע: / זילבעריק בלאָען די בערג, / נאָך פֿון קיינעם באַטראָטענע. / ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט / ליגט אַליין אַ געפּאַנגענער, / אויף זיין קאָפּ שטאַרבט די שיין / פֿון דער זון דער פֿאַרגאַנגענער: / ערגעץ וואָגלט ווער אום / טיף אין שניי אַ פֿאַרשאָטענער / און געפֿינט ניט קיין וועג / צו דעם לאַנד דעם פֿאַרבאָטענעם."

לייוויק האָט דעם וועג דאָך געפֿונען, - און דורך רוסלאַנד, פּוילן און דייטשלאַנד איז ער, זומער 1913, ענדלעך אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

* * *

אַמעריקע האָט נישט אָפּגעוואַרט לייוויקן מיט בלומען. די נייע וועלט האָט אים אויפֿגענומען מיט אַ לעבן פֿון זאָרג, מי און מאַטערניש. ער איז געוואָרן אַן אַרבעטער - אַ טאַפּעטן־קלעפּער. נאָך אָפּמאַטערן זיך אַ יאָר צייט אין ניו־יאָרק, פֿאָרט ער (אין יאָר 1914) קיין פֿילאַדעלפֿיע. דאָרט לערנט ער זיך שניידעריי און קומט אָן אַרבעטן אין אַ פֿאַבריק פֿון קינדער־קליידער. ער פֿאַרדינט זעקס דאָלער אַ וואָך, וווינט ערגעץ־וווּ אין אַ בוידעם־שטיבל און, אין דער פֿרייער צייט שרייבט ער לידער. ער באַפֿריינדט זיך מיט דעם רעדאַקטאָר פֿון דער צייטשריפֿט "די יידישע וועלט" - משה קאַץ, און מיט דעם פֿאַרוואַלטער פֿון דער פֿילאַדעלפֿיער אָפּטיילונג פֿון "פֿאָרווערטס" - דעם בונדישן טוער, ברוך וולאַדעק.ביידע געדענקען לייוויקס רעוואָלוציאָנערע פֿאַרגאַנגנהייט און זענען אים שטאַרק מקרב. זיי העלפֿן אים אַריינטרעטן אין דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור.

די דריי יאָר צווישן 1916 און 1918 זענען פֿאַר לייוויקן געווען אַ געמיש פֿון טרויער און שמחה: אין 1916 איז זיין מוטער געשטאָרבן אין עלטער פֿון 46 יאָר, און אין זעלבן יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט ר' שמואל סולטאַנס טאָכטער, שרה, - אימיגראַנטן

פון רוסלאַנד. אין צוויי יאָר שפּעטער איז זיין פֿאָטער געשטאָרבן אין עלטער פֿון 49 יאָר און, אין זעלבן יאָר איז געבוירן געוואָרן זיין ערשטער זון, דניאל. די גאַנצע תּקופֿה איז געווען באַגלייט מיט שווערער מאַטעריעלער נויט; פֿון זיין אַרבעט האָט ער ניט גענוג פֿאַרדינט אויף די לעבנס־הוצאות, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן. דערצו, האָבן אין דעם זעלבן יאָר זיך אָנגעהויבן ביי אים ווייזן סימנים פֿון טובערקולאָז, וואָס האָבן אים קערפּערלעך אָפּגעשוואַכט. אָבער נישט געקוקט אויף אַלעם, האָט עס נישט פֿאַרמינערט די קראַפֿט פֿון זיין שעפּערישקייט.

צווישן די יאָרן 1917 - 1921 האָט אין אייראָפּע געפֿלאַקערט אַ מלחמה מיט רעוואָלוציעס און פּאָגראָמען אויף יידן. לייוויק קומט מיט אַ בוך לידער "אין קיינעמס לאַנד" אין וועלכן עס זענען אַריין פֿיר "פּאָגראָם"־פּאָעמעס: "דאָס קראַנקע צימער", "דער וואָלף", "ער" און "די שטאָל".

אין דער פּאָעמע "די שטאָל", שילדערט לייוויק אַ פּאָגראָם, וואָס מאַכט אַן אויפּטרייסלעכדיקן איינדרוק. ש. ניגער שרייבט וועגן דער פּאָעמע: "מיר האָבן דאָ נישט סתּם אַ פּאָגראָם, נאָר דעם פּאָגראָם! - דעם גאַנצן עבודה־זרהדיקן טאַנץ פֿון זיינע העסלעכע פֿלאַמען, אַ רעליגעז־פּאַגאַנישע אָרגיע".

* * *

לייוויק האָט באַזונגען אין זיינע פּאָעמעס און דראַמעס יידישע און אַלגעמיין־מענטשלעכע ליידן, וואָס וואַרטן אויסגעלייזט צו ווערן. די אויסלייזונג, לויטן דיכטער, קען קומען דורך נאַציאָנאַלן באַפֿרייונגס־קאַמף. ער באַווייזט עס דורך ברענגעןביישפּילן פֿון תּנ"כישע און מיטלאַלטערלעכע היסטאָרישע מיטאָסן און סימבאָלישע געשטאַלטן. דערצו, האָט ער אָפּגעווישט די מחיצה פֿון דער געשיכטע. ביי לייוויקן איז דער אַמאָל אַ סימבאָלישער משל צום היינט; אַן אָפּשפּיגלונג פֿון די אַמאָליקע טראַגעדיעס אויף די, וואָס האָבן זיך אָראָפּגעלאָזט אויף דער מענטשהייט און אויפֿן יידישן פֿאָלק אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. "די קייטן פֿון משיח" שפּיגלט אָפּ די דורכגעפֿאַלענע רעוואָלוציע קעגן צאַר אין יאָר 1905; "דער גולם" פֿון מהר"ל איז אַן אָפּשפּיגלונג פֿון די פּאָגראָמען אויף יידן בעת דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד צווישן די יאָרן 1917 - 1920. אַזוי אויך די פּאָעמעס "דער נס אין געטאָ", "מהרם פֿון רוטענבורג" און "די חתונה אין פֿערנוואַלד", ווו ער זינגט:

זע, די לבנה איז נאָך אַלץ אַ ווייסע,<br>זע, אַ נס אין מיטן נאַכט -<br>כאָטש נעם דערצייל זיך אַ קינדער־מעשה<br>אין מיטן פּאָגראָם, אין מיטן שלאַכט.

פּאָגראָם און שלאַכט. אַווו? ווייט דאָרטן.<br>און איך בין דאָ, אין דער שטילער נאַכט,<br>ביים טויער פֿון אַ װוּנדער־גאָרטן,<br>וואָס ווערט פֿון קיינעם ניט פֿאַרמאַכט.

די דראַמע "דער גולם", ווי דערמאָנט, קען פֿאַררעכנט ווערן צום ציקל פֿון לייוויקס פּאָגראָם־פּאָעמעס. די גולם־לעגענדע איז לייוויקן באַקאַנט געווען נאָך פֿון די חדר־יאָרן. ער האָט געמאַכט דעם לעגענדאַרן גולם פֿאַר אַ העלד פֿון אַ ווערק, וואָס זאָל זיך אָפּרופֿן אויף רעאַלע געשעענישן פֿון דער געגעבענער צייט. בעת די וועלט איז געווען

פאַרזונקען אין אַ מלחמה, איז אין רוסלאַנד פאַרגעקומען אַ רעוואָלוציע מיט פּאָגראָמען אויף יידן. לייוויק האָט אין מהר"לס גולם-לעגענדע געזען אַן אָפּשפּיגלונג פון דיווירקלעכע געשעענישן. דער גוישער ווילדער המון אין דער פאַרקערפּערונג פון אַ פּויערישן גלח, טאַדעוש, האָט זיך געגרייט צו מאַכן אַ בלוט-בילבול און אַ פּאָגראָם אויף יידן. כדי זיך אַנטקעגן צו שטעלן דעם אונטערגעהעצטן המון האָט דער מהר"ל באַשאַפן אַ גולם - אַ "פינצטער באַשעפעניש", ער האָט אים געגעבן אַ האַק אין האַנט און געהייסן פאַרגיסן בלוט פאַר בלוט, - ענלעך צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פון זיך דעם באָלשעוויזם - לויט לייוויקן - פאַר דער צייט. אָבער דער גולם - דער סימבאָל פון מעכאַנישן קאָמוניזם, האָט אַרויסגעוויזן אַ פאַרלאַנג זיך צו פאַפרייען פון זיין באַשאַפער - צו קריגן אַן אייגענעם ווילן. הייבט ער אויף די האַק ניט בלויז אויף טאַדעושן, וואָס האָט געגרייט צו מאַכן אַ פּאָגראָם אויף יידן, נאָר אויך אויפן מהר"ל אַליין, וועלכער האָט אים באַשאַפן. אין אונדזער פאַל, האָט דער באָלשעוויזם אויפגעהויבן די האַק אויף די אייגענע באַשאַפער פון דער רעוואָלוציע.

די דראַמע "דער גולם", האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער יידישער ליטעראַטור און האָט נאָך באַוויזן אויפגעפירט צו ווערן אין "הבימה"-טעאַטער אין מאָסקווע, און אין די טעאַטערס פון וואַרשע, קראָקע און אין אַנדערע שטעט אין פּוילן.

נאָכן "גולם" האָט לייוויק אָנגעשריבן אַ רעאַליסטיש טעאַטער-שפּיל אין פּראָזע "שמאַטעס".

מרדכי מאַזע - אַ פּראָטאָטיפּ פון לייוויקס שווער, ר' שמואל סולטאַן, - איז אַן אימיגראַנט פון רוסלאַנד און דער הויפּט-העלד פון דער דראַמע, וואָס קומט פאַר אין אַ שאַפּ וווּ מען קלייבט אָפּ און מען רייניקט שמאַטעס. עטלעכע עלנטע אַלטע יידן, וואָס האַלטן זיך קוים אויף סי פיס, גייען אַרויס אין אַ שטרייק און, נאָך אַ פּאָר מינוט, קערן זיי זיך אום צו דער אַרבעט מיט גאַרנישט. מרדכי מאַזע זעט אין די מיאַרבעטער - "שמאַטעס"; "מתים וואָס גייען טאַנצן". לייוויק האָט די דראַמע באַזירט אויף אַן אמתער מעשה אין וועלכער זיין שווער, ר' שמואל סולטאַן, איז געווען אַריינגעמישט. אין דער דראַמע "שמאַטעס" האָט דער דיכטער געוויזן אַן אָפּשפּיגלונג פונעם יידישן לעבן אין אַמעריקע פון יענע יאָרן: ס'איז אַ לעבן פון רגעס; פון שטיקלעך און ברעקלעך, וואָס זענען אָפּגעשניטן און אָפּגעריסן געוואָרן פון זייערע שטאַמען און טויגן מער אויף גאָרנישט... אומזיסט איז דאָס אַרויפּאַרבעטן זיך פון די געוועזענע "פּושקאַרט"-לייט; אומזיסט די "שטרייקערס" פון די שמאַטעס-יידן, וואָס פאָדערן אַ הוספה. מרדכי מאַזע, דער אַלטער מאַן מיטן איידעלן כאַראַקטער, דער גייסטיקער אַריסטאָקראַט, דער סימבאָל פון פאַרוואָגלטן יחוס, איז נישט מסכים צו שטרייקן, ער טענהט: "און אַז זיי וועלן שוין האָבן נאָך אַ דאָלער; נאָך צען דאָלער אַ חודש, וועט זיי שוין גוט זיין? וועלן זיי יינגער ווערן? וועלן זיי ניט זיין מער קיין אינוואַלידן? וועלן די קינדער פון זיי זיך מער ניט דערווייטערן? מען ליידט דען נאָר פון דער שווערער אַרבעט און קליינעם לוין? צי איז דען ניט דער עיקר, וואָס דער מענטש, דער שטאָלץ זיינער, איז דערנידעריקט?"

דאָס אויפפירן די פּיעסע "שמאַטעס" אין יידישן טעאַטער האָט לייוויקן אויף אַ געוויסער צייט באַפרייט פון דער שווערער מלאכה, פון וועלכער ער האָט געצויגן די בידנע חיונה. די פּיעסע איז אַ לאַנגע צייט געשפּילט געוואָרן אין מאָריס שוואַרצס קונסט-טעאַטער, און אויך אין וואַרשע און אין ווין.

לייוויק האָט אויך נישט פאַרגעסן אינעם יונגן בונדיסט-רעוואָלוציאָנער, הירש לעקערט, וועלכער האָט מקריב געווען זיין לעבן פאַרן כבוד פון יידישע אַרבעטער,

ווען דער ווילנער גובערנאַטאָר פאָן־וואַהל האָט פּאַר דעמאָנסטרירן אין 1־טן מאַי פֿאַרמשפּט עפנטלעך צו שמייסן אויף די גאָלע לייבער. הירש לעקערטן, וועלכער איז נאָכן טויט געוואָרן דער העלד פון פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע, האָט לייוויק געווידמעט אַ דראַמאַטישע פּאָעמע אין זעקס בילדער.

אין דער דראַמע האָט דער דיכטער אַרויסגעברענגט אַ דיאַלאָג צווישן לעקערטן מיט זיינס אַ חבר, איסאַק, וועגן אופן ווי אַזוי אַ רעוואָלוציאָנער דאַרף האַנדלען קעגן דער בעסטיאַלער צאַרישער מאַכט. בעת לעקערט גייט צו זיין ציל זיכער און גלויביק אין זיין אמת, איז איסאַק פול מיט ספקות. ער פרעגט דעם חבר: "אין וועלכן אמת גלייבסטו?" ענטפערט לעקערט: "וועלכן? ס'איז דאָ איין אמת: - דאָס איז רעוואָלוציאָנערער קאַמף!" לעקערט רופט אויס צו זיין חבר: איסאַק! איר, און אַלע ווי איר, קריכט ווי טשערעפּאַכעס! דער ראַבאָטשי נאַראָד קען ניט וואַרטן". איסאַק אָבער קען ניט פֿאַרשטיין, ווי טאָלסטאָי און גאַנדי האָבן ניט געקענט, ווי קען מען בייז אויסראָטן מיט בייז? ווי קען מען מען באַשטראָפן פֿאַר בלוט מיט בלוט? לויט איסאַקן איז קיין חילוק ניט ווער עס שפּילט זיך מיט מענטשנס לייב און לעבן, ניט דער רשע און ניט דער צדיק...

אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער הירש לעקערט־דראַמע, שרייבט ש. ניגער: "לייוויקס גייסט שוועבט איבער דער גאַנצער דראַמאַטישער פּאָעמע; דער אייביקער דראַמאַטישער דיאַלאָג, צווישן צוויי נשמות, וואָס ווינען אין לייוויקן: אַ נשמה פון גאַנצקייט און אַ נשמה פון צעריסנקייט - אַ ניט־צווייפלדיקע נשמה פון אַ פאַנאַטישן רעוואָלוציאָנער, און אַ האַמלעטישער גייסט פון אַ מאָראַליש־פילאָזאָפירנדיקן אינטעליגענט. לייוויקס צוויי נשמות אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדז אין די געשטאַלטן פון הירש לעקערטן און איסאַקן".

* * *

אין דער ערשטער העלפט דרייסיקער יאָרן פון פֿאַריקן יאָרהונדערט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט שווערע וואָלקנס איבערן יידישן הימל אין אייראָפּע. לייוויק, וועלכער האָט פון די יינגסטע יאָרן וויזיאָנעריש פֿאָרויסגעזען דאָס אָנרוקן זיך פון אַן אימהדיקער תקופה אויף יידן, פלעגט ניט אויפהערן שרייבן "לידער פון אומקום". אַ זאַמלונג פון די אַפּאָקאַליפּטישע לידער איז אַרויס אין בוכפאָרעם אין 1932. אין איין ליד פון דעם ציקל זינגט דער דיכטער:

"די צייט פון שניט איז געקומען, / געקומען. / רופט אויס דורך האָרנס: / - שניט! שניט! / בחורים און מיידלעך, טאַנצט. / טופּעט אויס מיט שאַלנדיקע טריט: / שניט! שניט! / דער טויט שניידט זיינע שניט. / קאַראָהאָדן, קאַראָהאָדן. / חתנים מיט קאָסעס אויף אַקסלען געלאָדן / און כלות מיט מעסער ווי בויגנס. / חתנים, וויגט פונאַנדער די קאָסעס די בלאַנקע / אַרום די געצונדענע טאַליעס די שלאַנקע, / ניטאָ היינט קיין פּרעמדס און קיין אייגנס, / אַלע פאַר אַלע... / יעטוועדער חתן פאַר יעטוועדע כלה, / איין חופה פאַר אַלע... / דער טויט שניידט זיין שניט".

ווען מען הערט זיך צו צום קלאַנג פון די סטראָפן, וואָס באַזינגען "דעם טויט, וואָס "שניידט זיין שניט", וואָלט מען אפשר באַדאַרפט קומען צו אַן אויספיר, אַז לייוויק איז געווען אַ נביא פון צאָרן און פון ייאוש, וועלכער האָט קיין איינציקן ליכט־שטראַל נישט געזען פאַרן יידישן פאָלק. וואָס אַן אמת, האָט נישט איין קריטיקער אים דאָס פאָרגעוואָרפן. האָט ער דווקא אין יאָר 1940, ווען די נאַציס האָבן אָנגעהויבן זייער טויט צווישן די אייראָפּעישע יידן, געזען אַ שטראַל פון ליכט אין סוף פון פינצטערן טונעל פון אומקום.

"די וועלט נעמט מיך אַרום מיט שטעכיקע הענט,
און טראָגט מיך צום פייער, און טראָגט מיך צום שייטער;
איך ברען און איך ברען און איך ווער ניט פאַרברענט, -
איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער". (אַלע ווערק, 648)

אין די יאָרן פון נאַצישן גרויל און אומקום, וואָרנט לייוויק:

"די זון זינקט איין אין אַ סוואַסטיקע,
דער מערב פאַרגיסט זיך מיט בלוט...
ס'איז ניט קיין חלום־ליד, ס'איז וואָר...

די באַן יאָגט, דער טאָג שטאַרבט -
שויבן פאַלן צו חושך צו,
די פויק שלאָגט און בלוט פאַרבט -
יידן פאָרן קיין דאַכאַו".

לייוויקס וואָרענען האָט ניט געווירקט אויף די געוויסנס פון די מערב־הערשער, זיי האָבן צוגעקוקט ווי:

"הבל ליגט אויפן פעלד דערמאָרדעט,
און קין זיצט איבער אַ טאָפּ און עסט.
ער שפּאַרט אין טאָפּ אַריין טיף זיין מאָרדע
ווי אַ בער דעם שנוק אין אַ בינעננעסט."

קומט ער מיט א טענה צו גאָט, ווי ביאַליק אין זיין צייט נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם, אין זיין פּאָעמע "עיר ההריגה". לייוויק שרייבט:

"ער (גאָט א.ש.) וויל זיין אייביק אַפילו ווען מענטש איז היטלער,
ווען שטיקער מאָרד אַפילו אויף די שטערן הענגען.
מען דאַרף שוין מער ניט צווישן גאָט און טייוול קיין פאַרמיטלער,
די גאולה איז שוין דאָ, מען דאַרף זי שוין ניט ברענגען.

די גאולה איז שוין דאָ... אַ גליקלעכע מערכה.
עס הוליען צפון־ווינט - געוויין און קלאָג פאַרשרייען...
פון אַלע ביימער פאַלן שטיקער מאָרד אויף ברכה,
דיין כסא הכבוד, גאָט, פאַרכאַפּט האָט קין".

ס'איז פאַראַן אַ שפּריכוואָרט ביי יידן; ווען ס'איז עמעצן גאָר שלעכט - אָנשטאָט וויינען - לאַכט ער... לייוויק איז אין יענע טעג געקומען מיט אַ מין מאַקאַבריש טאַנץ־ליד:

"בערל שפּילט אויפן פידל, / שמערל - אויפן באַס. / און יידל גראָבט מיט אַ רידל / קברים אויפן מיטן גאַס"...

וועלן מיר לאָזן דאָס מאַקאַברישע ליד אָן אַ זייט און אַריבער צו דער פּאָעמע, "אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען". לייוויק האָט פֿאַרפֿאַסט די פּאָעמע ווען ס'איז דערגאַנגען צו דער וועלט, אַז די נאַציס פֿאַרטיליקן די יידן אומעטום ווו זיי קומען מיט די באַנאַגלטע שטיוול. צאָרנט דער דיכטער און קומט מיט שאַרפֿע ווערטער צו גאָט:

"דער חשבון איז נאָך אַלץ מיט דיר, באַשאַפֿער,
אַפֿילו ווען ס'איז אמת, אַז דו ביסט ניטאָ.
און וויפֿל ס'האָבן מענטשן ניט פֿאַרלייקנט דיך -
ביסטו נאָך אַלץ אויפֿן חשבון דאָ,
ביי דיר צו בעטן און פֿון דיר צו מאָנען
אין אונדזער טויט-פֿאַרגרוילטער שעה...
דער חשבון איז נאָך אַלץ מיט דיר, באַשעפֿער".

און, אַז דאָס חשבענען זיך מיט גאָט האָט נישט געהאָלפֿן; גאָט אין הימל האָט גלייכגילטיק זיך צוגעקוקט ווי אין טרעבלינקע ווערט פֿאַרגאַזט און פֿאַרברענט זיין אויסדערוויילט יידיש פֿאָלק, און האָט אַפֿילו קיין פּיפּס ניט געטאָן, האָט דער דיכטער מיט צאָרן געזונגען:

"דער בורא אַליין אין שטיוואַליעס
נעמט שפּאַנען איבער קופּעס לייב,
ווען דער מערדער שעכט מאַמעס און כלות
און קינדער - אין צייט-פֿאַרטרייב.

דערנאָך גיט ער אָפּ סאַליוטן
זיין שיינעם היטלער-ייצור,
און קושט זיך מיט אים אין בלוטן -
אין מאָרד פֿון טאָגס לעצטן שפּור".

...פֿרילינג 1946 האָט דער יידישער וועלט-קאָנגרעס געשיקט אַ דעלעגאַציע פֿון קולטור-לייט צו באַזוכן די שארית הפליטה אין די דייטשישע לאַגערן. לייוויק איז געווען צווישן די דעלעגאַטן. אין לאַגער פֿערנוואַלד האָבן זיי געטראָפֿן אַ פֿאַכשול פֿאַר פֿרויען-שניידעריי, וואָס האָט אויף לייוויקן געמאַכט אַ באַזונדערן רושם.

"לאָמיר באַווייזן די ליבע געסט - האָבן די נייטאָרינס געזאָגט - דעם שראַנק מיט אונדזערע זיידענע קליידער"... מיר קוקן זיי אָן פֿאַרחידושט - דערציילט לייוויק אין בוך "מיט דער שארית הפליטה". - די פֿאַרוואַלטערין עפֿנט פֿאַר אונדז אַ שראַנק, און עס גיט אַ לייכט אונדז אין די אויגן זעקס ווייסע לאַנגע חופּה-קליידער. "דאָס איז אונדזער קאָלעקטיווער כלה-צושטייער"- האָט די פֿאַרוואַלטערין געזאָגט מיט אַ שמייכל - יעדעס מיידל, וואָס האָט חתונה קומט און נעמט אַ חופּה-קלייד... דער גאַנצער לאַגער איז אַ מחותן אויף יעדער חתונה וואָס קומט פֿאָר ביי אונדז".

דער עפּיזאָד איז אין אַ פּאָר יאָר אַרום געוואָרן דער אויסגאַנגספּונקט פֿון לייוויקס דראַמאַטישער פּאָעמע "די חתונה אין פֿערנוואַלד" - די ערשטע חתונה אין אַ דייטשישן "די-פּי"-לאַגער פֿון צוויי היימלאָזע, ווו ערשט נעכטן איז געווען אַ "טויט-פֿאַבריק". פֿערנוואַלד איז אַ צייכן, אַ סימבאָל און אַ בשורה, אַז דאָרט, ווו ס'האָט געהערשט עלנט, קראַנקהייט, פּייניקונג, פֿאַרניכטונג, הייבט זיך אָן אַ פּראָצעס פֿון היילונג, ◄

מנחם שטערן

## איך הער און זע

אין רויש פון יעדן צה״ל טאַנק
איבער ישראלס באַפרייטע דערפער און שטעט
הער איך עמוס און ישעיהס רייד
באַנאַנד מיט חלוצישן געזאַנג
פון אונזערע בראַווע ברידער און שוועסטער.
און איך זע ווי דוד המלך -
די שווערד ביי דער זייט זיצט איינגעבויגן
און טיף־פאַרנומען מיט שרייבן
בלאַט נאָך בלאַט
דאָס ווונדערלעכע תהילים־ליד
פון אייביק־דויערנדיקן ייד...

## צו מיין מאַמע

אַז איך גיי דורך האַרבסטיקן פעלד זע איך די מאַמע
אין דעם קליינעם, גרויען וואָלקן וואָס שוועבט איבער מיר.
כ׳טראַכט: אפשר יאָגט איבער דיר
דער ווינט און ס׳איז דיר קאַלט?
קום אַראָפּ ליבע מאַמע,
ווי אַמאָל לאָמיר זיך אַרומנעמען
און זיצן און שמועסן ביים אַלטן עפּלבוים.
אייל זיך טייערע ווייל דער הימל ווערט טונקל
און נעמט זיך צינדן מיט רויטע, ברוגזע שטערן.
ווײ, טאָמער וועל איך דיך מער נישט זען?

◄

---

פון באַנייונג, פון אויפלעבונג... דאָס יידישע פאָלק איז אויסגעהרגעט געוואָרן - דאָס יידישע פאָלק זאל לעבן און געדייען!

אין סעפּטעמבער 1958 איז לייוויקס רעכטע זייט פון זיין גוף געוואָרן פּאַראַליזירט און ער איז אַנטשטומט געוואָרן. פיר יאָר האָט ער זיך געמאַטערט אין יסורים, ביז ער איז אויסגעגאַנגען שבת, דעם 22סטן דעצעמבער 1962.

אין אַן עסיי ״וועגן לייוויקס לעצטע ערדישע יאָרן״, שרייבט מלך ראַוויטש: ״ה. לייוויק איז איינער פון אונדזערע פשוטסטע דיכטערס - און אין דער הייליקער פשטות אפשר דער גרעסטער״. ״ה. לייוויק, וועלכער האָט אַליין אין זיך איינגעזאַפּט אַלע יסורים פון דער וועלט, האָט זיין גאַנץ לעבן געהאָפט, אַז די וועלט בכלל און די יידישע בפרט, וועט סוף־כל־סוף אויסגעלייזט ווערן דורך יסורים, אָבער - פרעגט מלך ראַוויטש - ווו איז כאָטש אַ צענט חלק פון דער צוגעזאָגטער אויסלייזונג פון מענטש, פון ייד, פון יעדן מענטשלעכן יחיד?״

## צו דער לבנה

שניי־ווייסע לבנה,
זעגלסט אַ פרייל‏עכע, אַ פרייע,
איבערן נאַכטיקן הימל
ווי איבער אַ בלויען, זומערדיקן טייך
דורך גאָלדענע און רויטע שטערן
ווי קאָנפעטי־שפליטער
וואָס די נאַכט שפרייט אויס פאַר דיר
מיט אַ פריינדלעכע האַנט.

נאָר איצט באַפאַלט מיך אַ טיפער טרויער
ווען איך טראַכט ווי דער ערדישער "מאַב"
חלומט צו באַרויבן דיינע בערגלעך און טאָלן
און צו ברענגען דיין רייכטום
וואָס ליגט אין געהיל פון אומענדלעכע צייטן
צו אונדזער אַטאָמישן, קראַנקן פלאַנעט
וואָס האָט אַזויפיל ווייַ און בלוט איינגעזאַפט...

נישט לאָז דיין הנעוודיק, ליב פנים.
פאַרגיין אין אַ טונקעלן ברוגז
פון וועגן מענטשס גײַעג נאָך רויב און מאַכט.
די דיכטער וועלן ווי פאַרלוירענע קינדער
דיך זוכן מיט צעריקע בליקן און פרעגן:
"ווּ איז אונזער ליבע מאַמע די לבנה?!"...

## פיאַנאָ־קלאַנגען

די פיאַנאָ־קלאַנגען קומען צופליען
דורך ווינט און טונקל פון נאַכט,
זיי פליען אָן מעלאַנכאָליש־בלוי
כאָטש אין הימל האָבן שטערן געלאַכט.
דאַן קלאַנגען גילדענע, גרינע, ראָזע,
יאָגן און יאָגן אָן אַ מאָס,
נאָר מיטאַמאָל לאַנגזאַמט פאַרביקער גאָס
און ס'פלאַטערן אַריין, מיט טענה און געוויין
קלאַנגען דינע, בלאַסע,
ווי צעשלאָגענע יידישע קינדער
אין אַ פוילישן פאָגראָם...

די פיאַנאָ־קלאַנגען קומען צופליען
דורך ווינט און טונקל פון נאַכט.
זיי פליען אָן אין אַלע קאָלירן,
און איך ביזן מאָרגן ליג וואַך.

## לילקע מייזנער

# "אָדע" צו אַ פאַרגאַנגענער צייט

"אָדע" איז אַ פאָרעם פון געזאַנג וואָס שפּראָצט אַרויס פון די טיפענישן פון מענטשלעכן האַרץ; אַ געזאַנג, וואָס דריקט אויס ליידנשאַפט, ליבע, טרויער און פרייד. אָט די געפילן באַהערשן מיך ווען איך טראַכט וועגן "דער פאַרגאַנגענער צייט" און זע זי אַזוי דייטלעך, אַלץ ווערט דימענסיאָנעל, די פלאַכקייטן ווערן פאַרפולט - פאַרפולט מיט געשעענישן, פערסאָנאַזשן - אָפט פאַרפיל איך זיי מיט דעם "היינט" און "נעכטן". אַ מאָל פאַרבינד איך זיי צוזאַמען, זיי גיסן זיך צונויף אין איין גאַנצקייט און פילן אויס דעם גאַנצן שטח, וועלכער איז - אַ לעבן; אַ לעבן, צונויפגעשטעלט פון "שטיקלעך" און "ברעקלעך", פון די "נעכטנס", "היינטס" און "מאָרגנס". עס איז אַ גרויסער געוואַגט, וועלכן איך וויל צוריקברענגען, אַז די בילדער זאָלן נישט פאַרשווינדן, צוריק אַריינעטעמען אין זיי לעבן, כדי זיי זאָלן פאַרפיקסירט ווערן, זיי זאָלן בלייבן אין זייער גאַנצער פּראַכט, וועלכע איז באַשטאַנען פון ברעקלעך פרייד און אומעט, פון פּיין און ליידן, פון געלעכטער און טרערן, פון נויט און זאָטקייט, פון אַלע לעבנס-קעגנזאַצן. דאָס מענטשלעכע לעבן באַשטייט דאָך פון אַזאַ אומאָרדענונג, און מיר - מיר זוכן די סימעטריע, די אָרדענונג...

אָטאָ די געדאַנקען האָבן זיך היינט פאַרקליבן אין מיין געמיט. כ'האָב געוואָלט אין זיי געפונען אַ "טאָלק" - און קיין "טאָלק", נישט געפונען, ווייל דער "טאָלק" איז נישט וויכטיק - וויכטיק זיינען די פּאַסירונגען, דער "געווען" און "איז", דאָס היינטיקע און נעכטיקע. צוזאַמען שאַפן זיי דאָס גאַנצע בילד, דעם מוסטער פון דעם געוואַנט, וועלכער איז דער "גאַנג", דער מענטשלעכער גאַנג. איך "געדענק" - אָדער איך "דערמאָן זיך", אָדער גאָר "כ'האָב עס געזען צי געהערט" - אָט אין דעם געמיט-צושטאַנד האָב איך אָנגעהויבן שרייבן די דאָזיקע ווערטער און באַשלאָסן זיי אָנצורופן "אָדע" - אָדע צו טעג פאַרגאַנגענע, ווייטע און נאָענטע, היינטיקע; צוזאַמען זיי פאַרשפּינען און זאָלן זיי זיין אַ טייל פון דעם קאָלירפולן טעפּיך!

...אין דער שטילקייט פון בין השמשות, צווישן טאָג און נאַכט, ווען דער טאָג ברעכט זיך און די שאַרפקייט פון ליכט ברענגט אַרויס דעם אַרום אַזוי בולט, ווען ליכט שפּילט זיך מיט דעם שאָטן און עס דאַכט זיך דיר, אַז דער אַרום ווערט שטילער, רויקער - דעמאָלט וויקלען זיך פונאַנדער בילדער, שווימען אַרויס געדאַנקען, און דו הייבסט אָן אַ שמועס - מיט זיך אַליין. און קיינער הערט נישט דיינע ווערטער, נאָר דו אַליין, און מיט קיינעם פירסטו נישט קיין וויכוחים - נאָר מיט זיך אַליין. די העלקייט פון טאָג הייבט זיך אָן צו לעשן, דער הימל ווערט טונקעלער, נישט טונקל, דער האָריזאָנט ווערט באַצירט פון אַ גאָלדענער רעם, וואָס ווערט געשאַפן פון דעם זון-אָפּשיין. די לעצטע זון-שטראַלן שיינען אַריין אין פענצטער און שפּיגלען זיך אָפּ אויף מיין "קאָרן-פעלד"-בילד, וואָס כ'האָב מיט יאָרן צוריק געמאָלן, געוואָלט פאַראייביקן אַ געוויסע שטימונג, אַ געוויס ווינקל, וואָס האָט דערוועקט אַ טיפע נאָסטאַלגיע. דאָס בילד איז פול געוואָרן מיט זון. די סנאָפּעס פון קאָרן זיינען לעבעדיק געוואָרן און איך האָב אָנגעהויבן צו הערן...

כ'האָב ליב געהאַט דעם קריי פון האָן פאַרטאָגס, ווען דער טאָג האָט זיך געוועקט און געווען אַזוי פריש און ריין. מיין בעט איז געשטאַנען ביי דעם אָפענעם פענצטער פון

דער זומער־כאַטע, ווו מיר האָבן דעם זומער פאַרברענגט. דער קריי האָט אויפגעוועקט דעם אַרום. פּאַמעלעך, שטיל האָבן די פייגל אָנגעהויבן זייער סווישטשעריי. די הינער האָבן מיט זייערע קורצע שנאָבלען געזוכט די קערנער. דער הונט האָט אָנגעהויבן בילן, אויף דעם ראַנד פון הימל האָט זיך באַוויזן די זון און מיט גאָלד באַגאָסן דעם גאַנצן אַרום. אַ געשטאַלט מיט אַ קיילעכדיקן קויש איז געשטאַנען און געוואָרפן קערנער, פון דער ווייטנס - דער קלאַנג פון אַ קאָסע, וואָס האָט ווי אַ ווינט אומגעלייגט די זאַנגען.

שטילקייט - געבורט פון אַ טאָג. באַלד וועט די שטילקייט איבערגעריסן ווערן. דער ריטמישער קלאַנג פון רעדער פון דעם לייטער־וואָגן וועט פאַרפילן דעם אַרום. פויערישע שטימען וועלן רופן די נעמען פון זייערע "פּאַראָבקעס" און די קי וועלן אָנהייבן מעקען - און זייערע פולע אייטערס וועלן אויסגעלייזט ווערן פון מענטשלעכע הענט. פון דעם קוימען אויף די שטרויענע דעכער וועלן ווייסע קנוילן רויך ציען זיך צו דעם הימל־בלוי.

גוט מאָרגן טאָג! ליכטיקער פרימאָרגן!

...די רעדער פון דעם שלעפּ־צוג קלאַפּן זייער ריטמישן געקלאַנג. דער וואַגאָן איז אָנגעפילט פון געשטאַלטן, אָנגעטאָן אין טראַנטעס. דורך דעם האַלב־אָפענעם דאַך זעט מען דעם צעשטערנטן הימל. פון צייט צו צייט ברעכט די שטילקייט אַ טיפער זיפץ, אַ געוויין אָדער אויסגעשריי. באַלד וועט זיך אָנהייבן דער "שלאַנגען־טאַנץ", באַלד וועלן מענטשלעכע געשטאַלטן אָנהייבן שאַפן אַ קרייז און נעמען פּאַמעלעך, פּאַמעלעך רירן זיך און פון זיך אַליין פאַרשנעלערן דעם טעמפּאָ כדי מיטאַמאָל מאַכן ענגער דעם ראָד און אים פאַרמאַכן. אַן אומזעבאַרע געשטאַלט וועט זיך באַוויזן אין מיטן, און אָנהייבן צו שרייען. רעדן אָדער גאָר זינגען - עס איז די שעה פון מענטשלעכן שגעון, די שעה פון דעם שאָטן־טאַנץ. מיטאַמאָל שטעלט זיך אָפּ דער קרייז. ערגעץ ווייט, ווייט, האָט אַ האָן געקרייט. דורך די שפּאַרונעס אויף יענער זייט רעלסן - הייזלעך. פון די פענצטער רייסן זיך אַדורך ליכט־שטראַלן. די פענצטער – פאַרהאָנגען מיט פאַרהאַנגען, ערגעץ בילט אַ הונט. פון די קוימענס קומט אַרויס אַ גרויער רויך אידיליש רויק. עס שאַריעט. דער טאָג וועט זיך באַלד אָנהייבן, און דער וואַגאָן איז פול מיט צונויפגעקנופּטע קערפּערס. אין דרויסן איז רויק, די פאַרהענגלעך אין די פענצטער נעמען זיך באַוועגן און שאַפן אַ בילד פון ווייסע שאָטנס, וועלכע געזעגענען דעם וואַגאָן מיט האַלב־טויטע נפשות. די רעדער פון דער באַן קלאַפּן ריטמיש אין די רעלסן. אַ פרישער טאָג איז געבוירן געוואָרן - פאַר וועמען?

...די מאַיעסטעטישקייט פון די בערג האָט מיך באַצויבערט, די פּוילישע "קאַרפּאַטן"־בערג זיינען נישט קיין פעלזיקע. זייער רונדקייט האָט געשאַפן אַ געוויסע וואַרעמקייט און מילדקייט. די גרויסע באַרג־קייט מיט דעם באַרג־שפּיץ "געוואָנט", וואָס האָט פון דער ווייטנס אויסגעזען ווי אַ ליגנדיקע געשטאַלט, האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן טאָל. דער טאָל איז געווען פול מיט סאָסנע־ביימער און דער ריח האָט פאַרשיכורט. מיר זיינען געווען מיט אַ גרופּע יוגנטלעכע, שפּאַצירט און באַוווּנדערט "גאָטס וועלט". די קאָלירן פון די באַרג־שפּיצן האָבן זיך אָן אויפהער געענדערט. לילאַ, שוואַרץ, גרוי און רויטלעך. די הויכע שפּיצן, באַפּוצט מיט גאָלד־שיין. אויף די יאָדלע־ביימער זיינען די פייגל געזעסן און געזונגען זייער געזאַנג. פון דער ווייטנס האָט דער רויטער פּיקהאָלץ אויסגעשפּילט זיינע ריטמישע טענער. מיר האָבן געוואַרט אויף דעם זון־פאַרגאַנג כדי זען, ווי די זון רייצט זיך מיט דעם אַרום. אָט ווערט זי פאַרזונקען אונטער די הויכע

וועגט און באַלד באַווייזט זי זיך ווידער אין אַן אָפּענעם שפּאַלט. די באַרג־איינוווינער מיט זייערע רונדיקע שוואַרצע קאַפּעלושן און ווייס־קאָלירטע אויסגעשטריקטע בגדים האָבן אונדז באַגריסט.

פּלוצלונג האָט זיך די באַרג־קייט אָנגעצונדן מיט אַ מאָדנער רויטקייט. גאָלדיק־רויט זיינען געווען די באַרג־קאָנטורן. פּאַרכישופטע זיינען מיר געשטאַנען, און מיטאַמאָל אָנגעהויבן זינגען דאָס ליד "די זון פאַרגייט אין פלאַמען". אונדזערע שטימען האָבן אָפּגעהילכט מיט אַן עכאָ און צעטראָגן זיך איבערן טאָל. שטופּנווייז האָט זיך די רויטקייט באַהאַלטן אונטער די וועגט און פאַרשווונדן אונטער דעם שלייער פון דער צופאַלנדיקער נאַכט. די מיסטעריע פון פאַרוואַנדלעניש - די מיסטעריע פון טאָג און נאַכט. און מיטאַמאָל זיינען פון אַלע זייטן אָנגעקומען "ליכט־פלאַטערלעך". קליינע פאָספאָריזירטע אינסעקטן, וועלכע האָבן ווי עלעקטרישע לעמפּלעך באַלויכטן דעם שוואַרצן טאָל און באַרג. גרינע שימערירנדיקע ליכט. זיי זיינען געפלויגן אַן גערודער, באַהאַלטן זיך אין די פאַלדן פון די בערג און אויסגעלאָשן זייער שיין, צוריקגעקומען און באַלויכטן די שוואַרץ, שוואַרצע נאַכט. זיי האָבן זיך געשפּילט מיט זייערע גרינע פלעמלעך און אַרומגענומען דעם אַרום מיט הונדערטער פייערלעך. אין שטילקייט זיינען מיר געשטאַנען און באַוואונדערט די מיסטעריע פון דער נאַטור!

די קאָנטורן פון דער באַרג־קייט זיינען פאַרשווונדן אין דער נאַכט. געבליבן זיינען גרינע פלעמלעך און באַלויכטן די שוואַרצקייט - און אָט די פלעמלעך זיינען מיט מיר פאַרבליבן אויף אַלע יאָרן - ליכט אין דער שוואַרצקייט.

ווען מען האָט אונדז אַרויסגעיאָגט פון דעם פראַכט־וואַגאָן, זיינען מיר געשטאַנען פאַר אַ גרויסער פעלזיקער וואַנט. מיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער גרויקייט פון דער אַרום. מיר זיינען אַלע געווען אַזוי נישטיק קליין אין פאַרגלייך מיט דעם אַרום. אָט אַזוי האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט דעם "הערץ־געביט". אין די פאַלדן פון די פעלזיקע בערג האָט זיך געפונען די מאָרד־מאַשין, וואָס האָט געהייסן "דאָראַ־נאָרדהאַוזען". דאָרט, אין די אָפּגרונטן, האָט דער באַרימטער דייטשישער וויסנשאַפטלער און מערדער, מיט דער הילף פון מאָדערנע שקלאַפן, געשאַפן די נייעסטע מאָרד־ראַקעטן. די פעלזן אַרום האָבן געשראָקן מיט זייער נאַקעטקייט און גרויקייט. ערגעץ פון דער וויטנס האָט זיך באַוויזן אַ קליין ביימעלע, וואָס איז צוגעטשעפּעט געווען צו איינע פון די וועגט. דורך די וועגט־שפּאַרונעס האָבן זיך אַדורכגעריסן פאַסן ליכט. אויב ערגעץ ווו איז שיינקייט געווען אין דעם אַרום, האָב איך עס נישט געזען - נישט אין דעם מאָמענט. געהערט האָט מען געשרייען, באַפעלן פון די "הערשער". האָט די זון באַגאָלדיקט אָט די שטיינערנע וועגט? האָט זי אָנגעוואַרעמט די גרויקייט? האָבן די אור־אַלטע בערג איינגעזאַפּט אין זיך די ביטערקייט און ווייטיק פון מאָמענט? זיינען זיי נאָך בייזער געוואָרן, איינזאַפּנדיק די ליידן פון אַרום? פלאַטערן די "ליכט־ווערעמלעך" אין שוואַרצע נעכט אין זייערע אָפּגרונטן? באַגלייטן זיי די שקלאַפן צו זייער אייביקער רו? שטיינער פון "הערץ־געביט", איך וועל אייך שטענדיק זען אין אייער גרויען שלייער נישט אין דער גאָלדיקער זון! בערג, פון שוואַרצע טעג און נעכט. אין אייערע איינגעווייידן ליגן באַגראָבן אַזוי פיל סודות פון מענטשלעכער פּיין!

...מיט יאָרן שפּעטער בין איך ווידער געשטאַנען ביי אַ מעכטיקן באַרג - ער איז געווען אַזוי שטאָלץ - מיין באַרג "על קאַפּיטאַן". דער טאָל איז געווען פול מיט געלע וואַלד־בלומען און רויק איז געפלאָסן דער "מערסעדעס"־טייך אין זיין קלאָרקייט. ←

משה בן שלמה זאב (וואָלף)

# פראַנץ ראָזענצווייג און זיין הויפּט־אידעע "צום לעבן"

אין אַרטיקל וועגן דעם יידישן נאַציאָנאַלן סימבאָל - דעם מגן־דוד ("חשבון, נומ' 144, ז' 5) איז דערמאָנט געוואָרן דער דייטש־יידישער פילאָסאָף פראַנץ ראָזענצווייג, וועלכער האָט בשעתו געגעבן זיין "פשוטע" און איינצייטיק גניאַלע אינטערפּרעטאַציע דער קאָנסטרוקציע און דעם זין פון דעם עכט־יידישן סמל, דעם "מגן דוד". מחמת די באַגרענעצטע רעם פון דעם דאָזיקן אַרטיקל, איז נישט געווען די מעגלעכקייט צו באַשרייבן פראַנץ ראָזענצווייגס לעבנס -און שעפערישן וועג. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווייסן וועגן אים אַ ביז גאָר קליינע צאָל יידישע לייענער, ליטעראַטור־פאָרשערס און קריטיקערס.

ראָזענצווייג פראַנץ, געבוירן אין 1866, אין דייטשלאַנד (קאַססעל) - אַ בן יחיד פון אַ רייכער יידישער אַסימילירטער, ליבעראַלער פאַמיליע, וואָס האָט איר יידישע אידענטעט כמעט פאַרגעסן. נאָר די פּרעראַדישע צעפלאַקערונגען פונעם אַנטיסעמיטיזם פלעגן דערמאָנען, אַז זי געהערט צום יידישן גזע. פון קינדוויי אָן איז פראַנץ געוואַקסן אַ וויסן גיריקער, שטענדיק אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרזיגלטער עקשן און אַ פּרינציפּיעלער פאַרטיידיקער פון זיינע אידעען. וואָס עס שטעלן מיט זיך פאָר דער יידישער גלויבן, זיינע יסודות און טראַדיציעס האָט פראַנץ ניט געהאַט קיין שום אַנונג.

נאָכן פאַרענדיקן די אָרטיקע גימנאַזיע טרעט ער אַריין אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט. אָבער מעדיצין האָט אים נישט פאַראינטערעסירט, און נאָך עטלעכע סעמעסטערן פאַרלאָזט ער דעם מעדיצינישן פאַקולטעט און פאַרנעמט זיך מיט מאָדערנער היסטאָריע און פילאָסאָפיע. אויף פראַנצס גייסטיקער אַנטוויקלונג האָט אַ גרויסע ווירקונג געהאַט דער היסטאָריקער פ. מייניקע. אין 1910 ווערט פראַנץ פאַרכאַפּט מיט העגעלס טעאָריע. אין 1912 פאַרטיידיקט ער די דאָקטאָר־דיסערטאַציע "העגעל און די מלוכה".

אין די יאָרן 1012־1907 האָבן אַ ריי פון פראַנצס פריינד און נאָענטע קרובים זיך געשמדט און אַריבער צום קריסטנטום. זיי אַלע ריידן איין דעם קשה־עורפדיקן יונגן מאַן זיך צו שמדן. פאַר ראָזענצווייגן האָט דאָס באַטייט טויט - טויט פאַר זיין אמונה, פאַר דעם פּרינציפּיעלן יסוד פון זיין בוך "דער שטערן פון גאולה", וואָס פאַרענדיקט זיך מיט זיינע צוויי ווערטער: "צום לעבן". די דאָזיקע 2 ווערטער זיינען אַן ענטפער, וואָס עס דאַרף געבן יעדער אָרנטלעכער פילאָסאָף, ווהין סוף־כל־סוף פירט זיין טעאָריע? - "צום לעבן"! ענטפערט ראָזענצווייג, כאָטש זיין אייגן לעבן איז געווען קורץ, אָבער אַ זיגרייכס.

←

---

דיין שטיין "על קאַפּיטאַן" איז אַ העל-גרויער, ביסט אַזוי מעכטיק-שיין, דיין שטאַרקייט איז מילד, ווי קען עס זיין? ווייסטו דעם אָנהייב און דעם סוף פון פאַרגיין? פאַרטוליעסטו סודות פון פאַרגאַנגענע יאָרן? שטייסט אַזוי שטום אין דיין מעכטיקער פראַכט און פאַרוויגסט מיט דיין רויקייט די אַלע שוואַרצע נעכט. די שטערן, וועלכע פינקלען מיט ליכטיקן בלוי, דערמאָנען אין פלאַטערלעך פון ווייטן אַמאָל. ביסט אַמאָל געשטאַנען אין אַזאַ טאָל, וווּ זון איז גאָלדיק אויפגעגאַנגען און פאַרלאָשן זיך אין ווייטן בלוי. מאָדנע, מאָדנע ווי מיר שפּינען אונדזערע געשיכטעס. דאָס זיינען דאָך די "שטיקלעך און ברעקלעך", וועלכע שאַפן דעם געוואַנט - דעם געוואַנט פון אַ מענטשלעך לעבן. זינג איך די "אָדע" אין ווערטער, אין ווערטער וועגן אַ פאַרגאַנגענער צייט!....

נאָך לאַנגע דיסקוסיעס מיט זיין עלטערן ברודער און נאָענטסטן פריינד אַ. ראָזענשטאָק - כּוסי, וועלכע האָבן זיך געצויגן מער פון 3 יאָר איז ראָזענצווייג אין 1913 שוין גרייט געווען אָנצונעמען קריסטענטום, אָבער מיט אַ באַוואָרעניש, אַז אויספּילנדיק דעם דראַזיקן אַקט, זאָגט ער זיך ניט אָפּ פון זיין אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק. פאַרקערט! - שרייבט ראָזענצווייג - "מיט דעם פאָרמעלן אַריבערגיין צום קריסטנטום, ווערט פאַרפעסטיקט דער יידישער גלויבן, ווייל קריסטנטום איז בלויז אַ המשך און אַ פאַרענדיקונג פון יודאַיזם".

איידער אויספילן דעם שמד, איידער זיך געזעגענען מיט דעם יידישן גלויבן, מיט די יידישע טראַדיציעס, מיט וועלכע דער אַגנאָסטיקער פראַנץ ראָזענצווייג איז פּראַקטיש געווען לחלוטין אומבאַקאַנט, האָט זיך אים פאַרגלוסט וויסן דעם אונטערשייד פון די 2 רעליגיעס. ער באַזוכט דאַן אַן אָרטאָדאָקסישע שול. די דורכנעמיקע תפילות, דאָס פולע פאַסטן פון טויזנטער יידן און זייער "הייסער ווילן זיך אומצוקערן צו גאָט און צו זיך גופא" (תשובה), האָבן געמאַכט אויף אים אַ דערשיטערטן רושם. פון דער שול איז ער אַרויס מיט אַן ענדגילטיקן באַשלוס - נישט בייטן דעם יייִדישן גלויבן. וועגן דעם שרייבט ער אין אַ בריוו צו זיין געשמדטן קוזין: "צו מיין גרויסן באַדויערן" - שרייבט ער -, מוז איך דיך מצער זיין, - איך פאַרבלייב אַ ייד. דער "זון" (יעזוס, מ.וו.) דערלויבט יעדן מענטשן אַריינגיין אין "טאַטנס (גאָטס, מ.וו.) הויז". דער דאָזיקער מיסיאָנערישער כאַראַקטער איז אָנגעמבאַר פאַר אַלע - נאָר נישט פאַר יידן, ווייל אַ ייד דאַרף נישט קיין "זון", וואָס זאָל אים פירן צום "טאַטן". "פונעם ערשטן טאָג פון זיין געבוירן, במשך פון זיין עקזיסטענץ און במשך פון דער היסטאָריע פון זיין פאָלק, לעבט דער ייד אין "טאַטנס הויז".

אַזוי אַרום אין יום־כּיפּור 1913, איז פראַנץ ראָזענצווייג אויף אייביק פאַרבליבן אַ ייד, און פון דעמאָלט אָן האָט דאָס "פינטעלע ייד" אין אים גענומען וואַקסן און פאַרנעמען אַלץ מער אָרט אין זיין נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. מיט גרויס התמדה באַמיט ער זיך פאַרפולן די בלויזן אין אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו יידישקייט. עס עפנט זיך אויף פאַר אים אַ נייע וועלט - די אוצרות פון תנך, תלמוד, זוהר; ער באַקענט זיך מיט צוויי זיינע מיטצייטלער - לערערס פון יודאַיזם - הערמאַן כוהן און מאַרטין בובער - באַהערשט ער עברית און באַקענט זיך מיטן לעבן פון יידישן פאָלק.

עס צעפלאַקערט זיך די ערשטע וועלט־מלחמה. אין 1914 ווערט פראַנץ ראָזנצווייג מאָביליזירט און אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט. פון דאָרטן שיקט ער דער מאַמען פאָסט־קאַרטלעך - שרייבט וועגן אַלץ, וואָס וועט שפּעטער אַריין אין זיין הויפּט־בוך "דער שטערן פון גאולה".

נאָך דער מלחמה זאָגט ער זיך אָפּ פון אַן אוניווערסיטעטישער קאַריערע און ווערט אָנגעשטעלט ווי דער הויפּט פון דער "העכסטער יידישער שולע פון פרייער ריכטונג" אין פראַנקפורט. דאָ אָרגאַניזירט ער דעם "יידישן קולטור־צענטער", אין וועלכן, צוזאַמען מיט דערלערנען ביכער וועגן יידישער קולטור און פילאָסאָפיע, ווערן שטופנווייז אַריינגעפירט רעליגיעזע מנהגים.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער אַקט פון פראַנצס עקזיסטענציאָנעלער דראַמע. - די ערשטע פאַזע פון פראַנצס גייסטיקן קאַמף מיט דעם מלאך המות, וועלכן ער האָט מיט זיין אומקערן זיך צום יידישן גלויבן, באַזיגט.

אַזוי אומגעריכט ווי אין 1913 האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער אַקט פון ראָזענצווייגס מלחמה, אַזוי האָט אין 1922 זיך צעפלאַקערט דער צווייטער. דאָס מאָל

אָבער איז דאָס געווען אַ געפערלעכע מלחמה מיט דעם פיזישן טויט: פראַנץ ראָזענצווייג איז פּאַראַליזירט געוואָרן. די קרענק האָט פּראָגרעסירט. קודם־כל זענען אָפּגענומען געוואָרן זיינע הענט און די פיס, דער גאַנצער גוף און צום סוף – די צונג, די מעגלעכקייט צו רעדן. נאָר דער מוח און די נשמה זענען פאַרבליבן אומבאַשעדיקט. די דאָקטוירים, וועלכע האָבן אים קורירט, האָבן פאָרויס געזאָגט, אַז די אַגאָניע וועט זיך ציען נישט מער ווי 10 חדשים, מאַקסימום – אַ יאָר. זי האָט זיך געצויגן גאַנצע 7 יאָר. נאָך מער, אַ דאַנק פראַנצס אָנשטרענג פון זיין ווילן און אויך אַדאַנק זיין פרויס מוט – מיט דער הילף פון זיין מימיק און באַוועגונגען פון די אויגן, האָט דער קראַנקער געהאַט די מעגלעכקייט מיט איר צו קאָנטאַקטירן. מיט דער צייט האָבן זיי אָנגעהויבן צו פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן. זיינע פריינד האָבן באַשאַפן אויך אַ ספּעציעלן אַפּאַראַט, וועלכער האָט פאַרלייכטערט דעם קאָנטאַקט מיט אים. דאָס האָט פאַרלייכטערט זיין אינטעלעקטועלע און ליטעראַרישע אַרבעט. דער קראַנקער האָט אַלץ מער און מער זיך געהאַלטן ביי די פאָדערונגען פון דער הלכה. אין די שבתים און יום־טובים פלעגט זיך אין זיין הויז צונויפנעמען אַ מנין.

אַ דאַנק דער שטאַנדהאַפטיקייט פון פראַנצס פריינד, איז דווקא אָט דער טראַגישער פעריאָד פון זיין לעבן געוואָרן דער פרוכטבאַרסטער. פראַנץ האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דערלערנען דעם תלמוד בבלי. דער באַוווסטער אין דער וועלט רב און געלערנטער, לעאָ בעק, האָט אים צוגעאייגנט דעם העכסטן רעליגיעזן טיטול "רבינו ומורינו". צוזאַמען מיט מאַרטין בובערן האָט ער אָנגעהויבן אויפסניי איבערזעצן דעם תנך. די איבערזעצונג האָט שוין פאַרענדיקט בובער אַליין. ראָזענצווייג זעצט איבער פון העברעיש 90 לידער פון יהודה הלוי און שרייבט צו זיי זיין קאָמענטאַר. אַחוץ דעם פילט ער אויס אַ טיפע אויספאָרשונג פון די אייביק אַקטועלע פראָבלעמען פון דער יידישער פילאָסאָפיע: אַסימילאַציע, אידענטיטעט, "וועלטלעכס און הייליקייט", אַנטיסעמיטיזם און אומאויסראָטלעכקייט פון דעם יידנטום.

דער טויט האָט אים אַוועקגענומען דעם 10טן נאָוועמבער 1929. ער האָט געקעמפט און איז אים בייגעקומען. ווייל ער האָט זיך ניט אונטערגעגיבן גאַנצע 7 יאָר. דאָס איז געווען פראַנץ ראָזענצווייגס מלחמה מיט דעם מלאך המות, און די יידישע פילאָסאָפיע, דאָס מאָל שוין, זיין אייגענע פילאָסאָפיע – איז ווידער אַמאָל געווען דער וואָפן פון נצחון.

איצט איז שוין גרינג צו פאַרשטיין דעם נביאישן זין, וואָס ראָזענצווייג האָט באַמיט זיך אַריינלייגן אין די לעצטע צוויי ווערטער פון זיין הויפּט־בוך, וועלכע רופן "צום לעבן". ניין! – שרייבט דער קראַנקער ראָזענצווייג – עס איז נישט פאַראַן קיין יידישע פילאָסאָפיע, אויב זי איז נישט אויסגעפּרוווט דורך דער היסטאָריע און איז נישט אָנגעצילט אויף ווייטערן קיום. אויב זי איז נישט אָנגעצילט "צום לעבן". איז זי בלויז אַ פוסטע פראַזעאָלאָגיע.

הייסט עס, היינט האָט יעדער ייד אַ שייכות צו צוויי געשעענישן, וועלכע זענען צוויי דאָמינאַנטעס פון זיין פילאָסאָפיע. דאָמינאַנטעס, איינגעמאָסטענע אין זיין hic and munc*) מיט דעם זעלבן ווערט דער ייד פאַרבונדן מיט דער אומאויפהערלעכקייט און אוניווערסאַלקייט פון דער יידישער פילאָסאָפיע. – פון דעם אויסגאַנגלעכן מאָמענט (פון דעם בראשית) ביז צו די האָריזאָנטן פון אייביקייט (עד לנצח). ←

*) (לאַטיין): דאָ און איצט.

## לידער
### *וואָס זענען געלייענט געוואָרן ביים יערלעכן פּאָעזיע־קאָבאַרעט אין יידישן קולטור־קלוב*

פּיניע פּלאָטקין

## קורצע געשיכטע פון אַ יידיש שטעטעלע

געווען איז אַ יידיש שטעטעלע
אין דער רעפּובליק בעלאַרוס,
געוווינט האָבן דאָרט יאָרנלאַנג
איידעלע טאַטע־מאַמעס,
פריילעכע זין און טעכטער,
אייניקלעך שוואַרצהנעווידיקע,
בלאָנדע
און אַ האַרמאָניסט וואַסילי.
ער פלעג ווירטואָזיש־מייסטעריש
די באַוווסטע "לעוואָניעכע" שפּילן
און פאַרשיידענע קאַדרילן
אין היגן קלוב
ביז שפּעט,
און יידיש ווי אַלע גערעדט.
אינמיטן די דרייסיקער יאָרן
האָבן די באָלשעוויקעס
מיט די קאָמיסאַרן בראָש
די איינציקע שיל אין שטעטעלע
גענומען אין זייער רשות,
און ס'האָבן די עלטערע יידן
וואָס טוט מען אָן איר נישט געוווסט.

געווען איז אַ יידיש שטעטעלע
אין דער רעפּובליק בעלאָרוס.
דערנאָך זיינען דייטשן־גזלנים
אין שטעטעלע אַריינגעטראָטן

←

---

די קאַטאַסטראָפע און מדינת ישראל זענען נישט קיין אויסנאַמיקע געשעענישן אין דער יידישער היסטאָריע. אין די צוויי געשעענישן פאַרווירקלעכן זיך טעמעס, וועלכע ס'איז נישט גרינג צו אינטערפּרעטירן, ווייל אין דעם יידישע לעבן און זיין גלויבן פאַראייניקן זיך דאָס וואָס עס איז נישט מעגלעך צו פאַראייניקן: הימל און ערד, פייער און וואַסער, אייז און היץ. מיט אַנדערע ווערטער - "הכל עובר" - אַלץ פאַרגייט, נאָר "נצח ישראל לא ישקר". ישראל איז אויף אייביק.

און, לאַנג נישט געטראַכט, אויסגעראָטן
קינד־און־קייט, אַלט און יונג
אָן רחמנות.
אלפי־נס איז לעבן געליבן
איינער פון די שטעטלדיקע יידן:
אברהם־חיים - דעם קצבס אַ זון -
ער איז אָרים און אַלט, נישט געזונט,
אָבער וויל נישט דאָס שטעטל פאַרלאָזן -
ער טענהט, אַז אין זיין רשות
געפינט זיך אַצינד בעלאָרוס.

פברואַר, 2001

## קינדערלעך, קינדערלעך...*)

צווישן אַלטע כ׳בין אַן אַלטער
מיט אַ האַרץ אַן אָנגעוווייטיקט,
צווישן יונגוואַרג, ווי אַ זקן,
דרך־ארץ כ׳האָב פאַרדינט.
צווישן קינדער כ׳בלייב אַ קינד
פון מאַנהעטן,
פון דובראָווקע,
פון בעסלאַן -
זיי וועלן תמיד אין מיין נשמה
זיין איינגעגלידערט, איינגעבאַקט
ווי כאַ דעם באַוווסטן דאָקטער
לעאָניד ראָשאַל.
אויך איך בענק נאָך יענע קינדער
ביז אַצינדער, ביז אַצינדער,
וואָס עס האָט דער ווילדער שונא
אין ישראל אומגעבראַכט.
מיין באַשעפער, מיין געטרייער!
דו ביזט מער פון אַלץ מיר טייער
און, דעריבער, כ׳וויל זאָלסט וויסן,
אַז גזלנים קינדער שיסן
אין די שולן, אין די הייזער,
אויף דער אומגליקלעכער ערד.

*) צוליב אַ פאַרדריסלעכן דרוק־פעלער זענען עטלעכע שורות ביים סוף פונעם ליד, אין פאָריקן נומער, געוואָרן פאַרפלאָנטערט. מיר דרוק איבער דאָס ליד און בעטן אַנטשולדיקונג ביים מחבר און ביי די לייענער.

רעד.

כ׳וויל, אַז דו זאָלסט אַ געזונטער,
די, וואָס ברענען, צינדן אונטער
און באַ וועלכע דער געוויסן
איז אַ האַלבן גראָשן ווערט -
שפּאַר זיי צו צו וואַנט צו יענעם,
אַז דו זאָלסט אָן מורא קענען
אומברענגען זיי פֿון דער וועלט.

סעפּטעמבער, 2004

## מרים קאָראַל

## ווישניאַקס אַ בילד - וואַרשע, 1938

אַ מאַן מיט אַ באָרד גייט
אַ הויכער מאַן מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד געשפּאָלטן אויף צוויי
גייט מיט אַ גלייכן שטעקן אין ווייסן שניי.
אונטער זיין אָרעם, ווי אַ פֿרעג־צייכן איינגעבויגן
טראָגט ער ספֿרים
אין וועלכע טיפֿע רעטענישן זענען פֿאַרענטפֿערט,
אי די ספֿרים, אי די ענטפֿערס, שוין לאַנג פֿאַרשרפֿהט.

די אויגן פֿאַרשאָטענע, אוראַלטע,
זענען סיי אומבאַקאַנט סיי באַקאַנטע
אַ פֿאַרשטעלטע נשמה אין אַ לאַנגן מאַנטל
וואָס גייט צווישן טורעמדיקע ווענט
וואָס וועלן זיך באַלד צעברעקלען.

אָבער נישט וויסנדיק פֿון דעם,
האַלט ער אין מיטן גאַס
אין בסדרדיק קוקן -
אַן אייביקער עדות פֿון אַ נייער וועלט
וואָס קוקט אים אָן און קאָן געדענקען
אין סאַראַ נוסח ס׳האָט אַ מאָל געלעבט אַ ייִד אַזאַנער
וואָס איז אין שניידנדיקער, שניי־באַשיטער גאַס געגאַנגען
מיט נאַקעטע הענט און אַ קאָפּ אַ פֿאַרדעקטן
און נאָכגעגאַנגען איז אים בלויז אַ בלייכער שאָטן.

יוני, 2005

# צו וואָס דאַרף איך עס?

"צו וואָס דאַרף איך עס?"
האָב איך געפרעגט דעם מאַן, דעם וואַסער־פויגל
וואָס איז אויף איין פוס ביים ברעג געשטאַנען
ווו כ'וואַליעס זענען אַרויפגעלאָפן ווי אומגעדולדיקע צונגען
און איבערגעבליבן זענען ווערטלעך, מיר אומבאַקאַנטע
וואָס זענען צעשפּרייט געוואָרן אויף דער פאָרמירנדיקער יבשה.

געדולדיק, אין נאַסער געדיכטער בלאָטע
האָט ער געטאַפּט מיט אַן איינגעבויגענעם שנאָבל
ביז עפּעס אַראָפּצושלינגען, האָט ער געטראָפן -
טאָלסטאָי, בעלאָ, לעסינג, אַש, באַשעוויס
אַפילו "דער שפּיגל" דער דייטשישער.
ווי פישעלעך האָבן זיי זיך געבאָרבלט
דורך זיין אויסגעשטרעקטן פאַרבלוטיקטן גאָרגל.

און אויב ר'האָט זיך דערוואָרט שטילערהייט
אָן זיך צו פיל רירן (ווייל אין פאַרגלייך מיט מענטשן
שטייט אַ פויגל זעלטן אין איין אָרט)
האָט מען סוף כל סוף דערזען
וואָס פון אַזאַ גרונטיק פּיקן קען געקאָרמעט ווערן
ווען ס'האָבן זיך אויסגעמעקט די טעג, די העלע
ווי פון צו פיל געוואַלדיקע כוואַליעס.

אַרום אונדז האָט געשמעקט דער ים
ווי אַלטע געלע בלעטער פון הפקר געלאָזטע ביכער.
ער האָט מיר דערלאַנגט צערטלעך סטוטשקאָווס וואָגיקן "אוצר".

"ווּעסט זען" האָט ער ווי צו זיך געשמייכלט
מיט אַן אויגן־פייער אַ שוואַרצן
וואָס האָט מיך, אַ דערפרווירענע, טיף דערוואַרעמט.
און הייבנדיק די גרויע, האַלב פאַרקנעפּלטע פליגל
ווו בלוי טרעפט בלוי, דאָרט איז ער גלייך פאַרשוווּנדן.
געבליבן אין דער לופטן זיינע לעצטע ווערטער הענגען -
"באַהאַלט עס, ס'איז שווער, נאָר ס'וועט דיר אַ מאָל צונוץ קומען".

אויף זיין אָרט, כאָטש צענדליקער יאָרן שפּעטער
ליגט טאַקע ביי מיר אַדורכגעבלעטערט דער פינקלדיקער אוצר.

יוני, 2005

לאה שוויצער

## אַ באַזוך

איך בין פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף
פלוצעם - מיין מאַמעס געשריי
אַ געשריי וואָס קומט פון מיין עבר
שטעכט דורך די שטילקייט
דרינגט דורך די נאַכט
מיט מיין נאָמען

איך דערוואַך אַן אויפגעטרייסלטע
באַגאָסן פון קאַלטן שוויס
און קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן
מיר איז באַקאַנט אָט דאָס לעצטע געשריי

הער זיך איין מאַמע - זאָג איך -
איך קאָן דיר נישט העלפן
דאָרט אויף יענער וועלט
מוזטו זיך העלפן אַליין

איך קאָן דיר בלוז זאָגן
אויב ס'וועט זיין דיר אַ טרייסט
נישטאָ וואָס זיך צו זאָרגן
האָסט דיינס אָפּגעטאָן
און איצט
ביסטו שטענדיק
מיט מיר.

## רעזאָנאַנסן

איר רעדט צו אונדז
פון גרוב פון חלל
אייער מוט
ברענגט אונדז טרערן
פון טיפע לעבער
ביז אַראָפּ
אין דער פרוכטיקער ערד
אייער אָפּקלאַנג
דערמאָנט

אַז איר זייט
רעשטלעך פון דער געשיכטע
איר לאָזט אונדז וויסן
מיר זענען
אַלע
קונסט־ווערק
טייל אפשר פאַרניכטעט
אָבער קיינער
פון אונדז
נישט פאַרגעסן

## איך און מרס׳ מעליטסאָף

דאָס בין איך, ציענדיק די צעפּלעך
בעת מיר קויפן איין אין פּלאַזאַ־מאַרקעט.
די מאַמע באַגעגנט מרס׳ מעליטסאָף.
איך שטיי דאָרט, אַ פּינפּיאָריקע,
אומגעדולדיק און פאַרנודיעט
דריי איך די צעפּלעך אין מיינע פינגער.

מיינע אויגן וואַנדערן
איבער מרס׳ מעליטסאָפּס באַרגיקן גוף,
איבער די פעטע אָרעמס, דער דרייפאַכיקער גאָמבע,
און מיין האַרץ שטעלט זיך אָפּ.

איך רייס איבער זייער שמועס:
״ווייסט איר, אַז איר האָט וואָנצעס״?
געענדיקט פרעגן, האָב איך גלייך חרטה.
ס׳איז אָבער צו שפּעט.
מרס׳ מעליטסאָפּס הענט גרייכן צו איר מויל:
״וואָס האָט דיין קינד געזאָגט.״

זי קוקט נישט אויף מיר, נאָר אויף מיין מאַמען,
וועלכע דערלאַנגט מיר אַ פּראַסק אין פּנים.
און איצט, שטענדיק ווען איך גאָל מיינע וואָנצעס
בעט איך מחילה ביי גאָט און מרס׳ מעליטסאָף׳
און כ׳בין נישט זיכער צי איך האָב גענוג תשובה געטאָן
פאַר זאָגן דעם אמת.

איבערגעזעצט פון ענגליש: **מ.ש.**

יעקב לעווין

# אדם און חוה

אַ פּילפּאַרביקע שלאַנג
האָט פאַרפלאַנצט אַ פאַרלאַנג
אין חוהלעס קעפּל
מיט איין ביס פונם עפּל!

זי האָט דעם עפּל צעקייט,
געשלוגען, פאַרדייעט,
ווייל ז׳האָט נאָכנישט פאַרשטאַנען,
אַז עס זיינען פאַרהאַנען
געבאָטן, געזעצן
ווען צו פאָלגן,
ווען צו שעצן.

פאַרגעסן אַז גאָט
האָט פראָקלאַמירט אַ פאַרבאָט,
אַז עס איז אַן עבירה
צו עסן די פּירה!

באַשטראָפט און פאַרשעמט
צעווייטיקט, פאַרקלעמט
האָט מען זיי ביידן
אדם און חוהן
פאַריאָגט פון גן עדן.

וואַרפט זיך אדם אומגעדולדיק;
איך בין אינגאַנצן דאָ אומשולדיק!
(ווי אַ מאַן פון שטאָל און אייזן
האָט ער זיין ווייב געוואָלט באַווייזן,
אַז ביים בראשית פון דער וועלט
איז ער שוין געווען אַ העלד).

פרעגט די שלאַנג;
זאָג מיר חוה,
ס׳טוט דיר באַנג?
ענטפערט חוה מיט אַ שמייכל;
עפּעס ליכטיקט אין מיין שכל
נישט פאַרשטענדלעך, נאָך פאַרוויקלט
אין פאַמעלעך ס׳ווערט אַנטוויקלט
אַ געדאַנק, אַ פאַרלאַנג
ס׳הויבט אָן ברומען אַ געזאַנג

פול מיט צווייפל און מיט שרעק.
אַלץ איז ניי און פול מיט ווונדער.
פייגל זינגען הילכיק מונטער
פליען זאָרגלאָז פראַנק און פריי!

אפשר וועל איך אויכעט אַ מאָל פליען?
נאָר דערווייל וועל איך זיך מיען
פעסט צו שטיין, לאַנגזאַם גיין,
נישט באַוויינען, נישט באַדויערן
וואָס געווען און שנעל פאַרלוירן.

עס וואַרט די ערד אויף מיין באַריר
גרייט צו בליען, גרייט צו שפּראָצן...

– – – – – – – – – – – – – – – – – – – – –

אדם! הער אויף גלאָצן
מיט די אויגענעס אויף מיר,
ס'איז אַ חרפּה פאַר דער שלאַנג,
וואַרט כאָטש ביז צום זון־פאַרגאַנג!

## שרה טרייסטער-מאָסקאָוויטש

## יידיש

יידיש איז אויסגעקאָכט געוואָרן
אין היימישע טעפּ,
לאַנג געזידט און פאַרמישט אין שטעטלעך און שטעט
אין גאַסן און געסלעך
אין געשרייען פון יונגוואַרג ביים לאַכן און לויפן
אין וויצן פון הענדלער ביים האַנדלען און קויפן.

צווישן שחרית און מערב אין פשוטע רייד
ביי אַרבעטער-טישן און שבת-טיש פרייד
געפלויגן אַרום הקופות און נר תמידן
אין ניגונים פון שטרעבן נאָך ירושלים פאַר יידן

געקנעלט פון מלמדים
געקנאָטן פון בעקער
גענייט פון שניידער
געזעגט פון האָלצהעקער
געשטעפּט פון שוסטער
געהאַמערט פון סטאָליער
געקאָוועט פון בלעכער

גערמולט אין יידיש האָבן הייסבלוטיקע מענער
צערטלענדיק וואַרימע לייבער
און געשוועגערט אויף יידיש האָבן שיין־יונגע ווייבער
און געבעטן ס׳זאָל שנעל אָנקומען די מילך

געטויליעט פון מאַמעס
געהויבן פון טאַטעס
געגאַנטשעט פון באָבעס
געבענטשט פון זיידעס

מען האָט יידיש געזויפט, געזופט, און געשלונגען
געלעקט און געבראַמטשעט מיט ציינער און צונגען
יידיש האָט אונדז געשטאַרקט אין ווי און אין ליידן
און אונדז געטרייסט אין די סאַמע שרעקלעכסטע צייטן

יידיש האָט געוויינט אין בריוו צום קינד אין דער ווייט
און געהוליעט אויף שימחות מיט אייגענע לייט
אַ ברייטהאַרציקע שפּראַך מיט רחמונות און שכל
באַצירט מיט דעם כישוף פון אַן עופּהלעס שמייכל

געקילט אין היצן
געוואַרעמט אין קעלט
געגעבן מוט טרייסט און כוח
דאָרט ווו ס׳האָט געפעלט
אונדז געגעבן פּאָעטן מיט האָפנונג און חלום
פון אַ לאַנד פאַר יידן פון ליבע און שלום.

עס לעבט יידיש אין הערצער
פון פינטעלעך יידן
וואָס געדענקען מיט ליבע דעם יידישן ניגון
דאָרט ווו נאָר עס זינגט אין דער וועלט.

יוני 2005

משה שקליאַר

## יונגע ליבע

ווען מיר האָבן צום טייך געגנידערט
די בלומען זענען נאָך געשלאָפן,
די ווייכע ערד האָט נאָך דערווידערט
די נאַקעטקייט, וואָס איז געלאָפן
זיך אָפּקילן אין וואַסער קאַלטן,

ווי ס׳האָט לבנה זיך געשפּיגלט
און געפּרווט איר קאָפּ באַהאַלטן,
נאָר כוואַליעס האָבן זי געוויגלט.

און ווען ס׳האָבן די ערשטע שטראַלן
פון דער זון אונדז אויסגעטריקנט
און מידע מיר זענען געפאַלן
אויפן זאַמד און מיט די בליקן
דעם אַרום אַרומגענומען,
דו האָסט מיט קינדערשער התפּעלות
געוואָלט אַ רוף טאָן, נאָר אַ שטומע
דו ביסט געבליבן אויף אַ ווײַלע.

און שפּעטער האָסט אַרויסגעפּליסטערט:
ווי וווּנדערלעך ז׳דער מאָרגנשטערן!
און מיט אַ שמייכל האָסט באַגריסט אים,
גלײַך בלויז דיר וואָלט ער געהערן.
נאָר איך באַוווּנדערט האָב די אויגן,
ווו אויפגעגאַן איז דער באַגינען,
און כ׳האָב געפּרווט אין זייער בלויקייט
מײַן יונגע ליבע אָפּגעפינען.

* * *

אַלטע ליבעס קיין מאָל זשאַווערן,
עס בייטן זיך בלויז די קאָלירן,
קאָנסט מיט זיי זיך ווידער חברן
און נישט פאַרלירן.

זיי טויכן אויף אינעם זיכרון,
אַנטבלויזן זיך ווי פון אַ שלייער
און ווערן יונגער מיט די יאָרן
און ווערן לעבעדיק, אויפסנייער.

אָט דאַכט זיך דיר קאָנסט זיי באַרירן,
ווי מיט פינגער פון אַ בלינדן,
דעם ציטער פונעם האַרץ דערשפּירן
ביז צום פאַרשווינדן.

אַרנאָלד מאָסטאָוויטש*)

# דער פּאַר לעצטער

## קאַפּיטל פון בוך: ״מיט אַ געלער לאַטע און אַ רויטן קרייץ״



– נאָר נאָך צוויי, דאָקטער.

דער פּאַליציאַנט האָט לייכט אָנגערירט מיט צוויי פינגער דעם דאַשיק פון זיין היטל אין אַ גלייכגילטיקער באַגריסונג, וואָס מען גיט געוויינטלעך עמעצן אויסער די תפיסה אינסטאַנצן.

– ברענגט זיי אַריין איינציקווייז – האָט ער געזאָגט. ער איז געווען זייער אויסגעמאַטערט, סיי פיזיש סיי עמאָציאָנעל. אינסטינקטיוו האָט ער געקוקט אויפן זייגער. דריי אַ זייגער. דריי אַ זייגער ביינכאַט. פון מיטאָגצייט דעם פריערדיקן טאָג, זיינען שוין אַריבער איבער פופצן שעה פון האָפנונגסלאָזער, אידיאָטישער אָנשטרענגונג. די דייטשן האָבן באַפוילן אַז אַ דאָקטער זאָל אונטערזוכן יעדן איינעם וואָס איז באַשטימט פאַר דעפּאָרטירונג. אַ טייל מענטשן האָבן געפּרוווט געפינען אין דעם פאַקט עפּעס אַן אָפּטימיסטישן סימן. ער האָט געוווסט אַז אַזאַ אָפּטימיזם איז מיט גאָרנישט באַרעכטיקט. וואָס האָט ער געקענט זאָגן די אַלע אומגליקלעכע וואָס האָבן אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און שטום געבעטלט אַ באַשלוס וואָס זאָל זיי לאָזן ביים לעבן? דער פּראָבלעם איז באַשטאַנען אין דעם וואָס די דייטשן האָבן צום וויניקסטן שוין דריי מאָל פאַרלאַנגט פון די געטאָ־אינסטאַנצן צוצושטעלן פאַר דעפּאָרטירונג נאָר די מענטשן וואָס זיינען געזונט און פיזיש טויגעוודיק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן שפּעטער, אַז די גרופּעס יידן פלעגט מען שיקן ערגעץ אויסער דער שטאָט און אַפילו וווייט פון לאָדזש. אָבער די דייטשע אינסטאַנצן האָבן אויך וואָס אַ מאָל עפּטער געלאָזט וויסן, אַז אין געטאָ וועלן בלייבן נאָר די וואָס זיינען פעיק צו אַרבעטן אין די שעפּער. און דערפאַר ווייל מען האָט געהערט כסדר וועגן נייע באַשלוסן וועמען אַרויסצושיקן פון געטאָ האָט מען נישט געוווסט וועמען די דייטשן האָבן אין זינען: מענטשן וואָס זיינען פעיק צו אַרבעטן אויסערן געטאָ אָדער מענטשן וואָס זיינען שוין ניט פעיק צו אַרבעטן אין געטאָ. די דייטשן האָבן זיך ניט געאיילט קלאָר צו מאַכן זייערע כוונות, אָבער מען האָט לייכט געקענט טרעפן וואָס עס איז געווען דער גורל פון די יידן אין דער צווייטער קאַטעגאָריע. דאָס וואָס מען האָט געהייסן אַ דאָקטער אָפּשאַצן דעם מצב און טויגיקייט פון די וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַרן אַרויסשיקן, איז נאָר

---

*) אַרנאָלד מאָסטאָוויטש (1914–2002), דער מחבר פונעם בוך ״מיט אַ געלער לאַטע און אַ רויטן קרייץ״, האָט געאַרבעט ווי אַ דאָקטער אין אַ שפּיטאָל און אין דער ״גיכער הילף״ אין לאָדזשער געטאָ. ער איז געווען פאַרבונדן מיט דער אונטערערדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ און געהאָלפן ראַטעווען אַ סך מענטשן, וועלכע זענען געווען באַשטימט צום אַרויסשיקן אין די טויט־לאַגערן. נאָך דער מלחמה איז ער, אין פוילן, געווען אַ באַוווסטער זשורנאַליסט, שרייבער און רעדאַקטאָר פון פאַרשיידענע צייטשריפטן.

געווען אַ באַהאַלטענע כוונה צו צעטומלען. חוץ דעם האָבן די דאָקטוירים אַליין גאַנץ אָפּט ניט געוווּסט צי ווען זיי קוואַליפיצירן עמעצן ווי נישט פעיק צו פיזישער אַרבעט, אָדער קראַנק, ראַטעווען זיי אים אָפּ פון שווערער אַרבעט אויסערן געטאָ, אָדער זיי פאַרמשפּטן אים צו דעפּאָרטירונג, וואָס האָט געמיינט צום טויט. נאָך דעם ווי אַ טראַנספּאָרט איז אַוועקגעפאָרן האָט מען ערשט געוווּסט ווען די דייטשן האָבן אויסגעקליבן און וועמען זיי האָבן איבערגעלאָזט, כאָטש זיי זיינען ניט געווען אַזוי אָפּגעהיט אין זייער אויסוואַל. וואָס איז געווען פאַר זיי וויכטיק איז געווען אָנצופילן די לאַסט־אויטאָס מיט אַ פון פאָרויס באַשטימטער צאָל יידן פאַר דעפּאָרטירונג. דער חשבון האָט געמוזט שטימען. דער מצב פון די דעפּאָרטירטע איז ניט געווען אַזוי וויכטיק. חוץ דעם האָט די געטאָ־באַפעלקערונג זיך לייכט אונטערגעגעבן דעם מעטאָד. פאַר דער באַפעלקערונג איז דאָס געווען אַן אופן פון פאַרטיידיקן זיך קעגן אמת וועגן גורל פון די דעפּאָרטירטע. עס האָבן געהאָלפן אין דעם קלאַנגען און פלושענישן וועגן דער עקזיסטענץ פון אַרבעטס־לאַגערן ערגעץ אין דריטן רייך, לעבן קראָקע, אָדער אין רוסלאַנד ווו מען האָט גענומען אַלע דעפּאָרטירטע. ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די דייטשן אַליין האָבן געלאָזט די קלאַנגען, כדי אויסצומיידן פאַרצווייפלטע טאַטן פון זעלבספאַרטיידיקונג פון די דעפּאָרטירטע. סיי ווי זיינען אַזעלכע טאַטן געווען אוממעגלעך. צווישן די הענקערס און קרבנות האָט עקזיסטירט אין געטאָ אַ מאָדנער, נישט אונטערגעשריבענער אָפּמאַך. רו אין געטאָ האָט געבערענגט די דייטשן ריזיקע רווחים אָן ספּעציעלער מורא. דאָס איז געווען פאַר די הערשנדיקע דייטשע געטאָ־אינסטאַנצן דער תירוץ אויפצוהאַלטן איינע פון די לעצטע יידישע קהילות אין פּוילן, און נאָר דאָס איז געווען וויכטיק פאַר די יידן. מנוחה האָט זיי געגעבן די געלעגנהייט אויסצוהאַלטן און האָפן אויף אַ נס.

צום גליק האָט די אָרגאַניזאַציע צו וועלכער ער האָט געהערט געהאַט אירע אייגענע געניע קוואַלן פון אינפאָרמאַציע. די אָרגאַניזאַציע האָט געוווּסט גענוי וווהין יעדע דעפּאָרטירונג גייט און דערפאַר אויך ווו עס גייט די איצטיקע דעפּאָרטירונג. דערפאַר איז ער דאָ געווען. מיט אַנדערע ווערטער, עמעצער האָט ערגעץ דערליידיקט, אַז עמעצער זאָל ערגעץ באַשטימען דווקא אים און דעם אַנדערן דאָקטער צו טאָן די מיאוסע אַרבעט. זיי האָבן געדאַרפט אָפּראַטעווען פון דעפּאָרטירונג געוויסע מענטשן פון די, וואָס די געטאָ־אינסטאַנצן האָבן באַשטימט אַרויסצושיקן, דורך קוואַליפיצירן זיי ווי פעיקע צו פיזישער אַרבעט אין געטאָ. אָבער די אַנדערע... ער האָט נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם. כאָטש ער האָט געקענט זיך באַרעכטיקן פאַר זיך אַליין מיט דעם פאַקט, אַז סיי ווי וואָלטן אַכט הונדערט מענטשן געווען באַשטימט פאַרן טויט אין די לאַסט־אויטאָס, צי ער וואָלט דאָ געווען, צי ניט...

ער האָט ניט געהערט ווען די טיר האָט זיך געעפנט און דער פּאָליציאַנט האָט אַריינגעבערענגט עמעצן אין דער תפיסה־קאַמער, וואָס מען האָט פאַרוואַנדלט אין אַ דאָקטערס אויפנאַם־צימער.

– גוט מאָרגן – האָט געזאָגט אויף דייטש דער מענטש אין דער טיר.

– גוט מאָרגן. זייט אַזוי גוט קומט צו נעענטער. ווי הייסט איר?

– קאָהען.

– אייער ערשטער נאָמען?

– אַלבערט.

מעכאַניש האָט ער אויסגעפילט די קאָלומנעס אין דעם דופּליקירטן פרעגבויגן.

– עלטער?
– אַכט און פערציק יאָר.
– פון וועלכן טראַנספּאָרט זייט איר? – ער האָט געניצט די טערמינאָלאָגיע וואָס מען האָט אָנגעווענדט צו די דעפּאָרטירטע פון מערב.
– פון פּראָגער טראַנספּאָרט.
– טוט זיך אויס.
ווען דער מענטש האָט אויסגעטאָן די אָפּגעניצטע מאַרינאַרקע פון אַ גוטער, וואָלענער סחורה, דאָס העמד און די הויזן, האָט ער צוגעלייגט דעם סטעטאָסקאָפּ צו זיין ברוסטקאַסטן. ער האָט אַפילו ניט געדאַרפט קוקן אויפן מאַן וואָס ער האָט באַטראַכט, כדי צו וויסן אַז דער מאַן האָט אַ פּאַרוואָרלאָזטן, אויסגעדאַרטן קערפּער, אַ הויט באַדעקט מיט פלעקן, אָפּגעשוואַכטע מוסקולן, אַן אייגעפאַלענעם ברוסטקאַסטן און מסתמא געשוואָלענע פיס פון הונגער.
– זייט מיר מוחל, דאָקטער – דעם מאַנס שטים איז געווען ווייך און האָט געהאַט אַן אָנגענעמען קלאַנג.
עס הייבט זיך אָן, האָט ער געטאַכט. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם סטעטאָסקאָפּ ער זאָל קענען בעסער אָנקוקן דעם מאַן, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים. ער איז געווען גלאַטיק אָפּגעראַזירט, ער האָט געטראָגן ברילן. פון אונטער די ברילן האָבן אויף אים געקוקט שוואַרצע, טראַכטנדיקע אויגן. אויגן וואָס האָבן בשום אופן נישט געפּאַסט מיט זיין אינגאַנצן אָפּגעראַזירטן קאָפּ.
– איך הער אייך.
– קענט איר מיר געבן אַן ערלעכן ענטפער?
– דאָס מיינט, צי זייט איר גרייט מיר צו זאָגן דעם אמת?
דאָס איז געווען פּראָוואָצירנדיק. ער האָט געהאַט בדעה צו ענטפערן שאַרף, אָבער ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן.
– איך וועל פּרווון.
אַ שטיקל צייט האָט אַ שטילקייט געהערשט אין קאַמער. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט אָן אַרויסזאָגן אַ וואָרט. די דאָזיקע גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבן אים געמאַכט אומרויק. "דאָקטער מאַבוזע" איז אים נישט ווילנדיק געקומען אויפן געדאַנק אַן אַלטער פילם. ניין, דער "סטודענט פון פּראָג", מיט קאָנראַד ווייד. פון פּראָג...
– פאָרן מיר אויף אַרבעט, אָדער אויף טויט?
ער האָט אויפגעציטערט. עטלעכע רגעס האָט ער געשוויגן, זוכנדיק די ריכטיקע ווערטער.
– איך ווייס נישט. איך ווייס באמת נישט.
– איר ווייסט יאָ, דאָקטער. איר ווייסט דאָך וועמען די דייטשן וועלן דעפּאָרטירן און וועמען זיי וועלן לאָזן אין געטאָ. סוף־כל־סוף פאַרלאָזן זיי זיך אויפן דאָקטערס אָפּשאַצונג.
– נו, איז וואָס? – האָט ער אַרויסגעפּלאַצט גאַוהדיק און באַלד חרטה געהאַט.
– איר פאַרשטייט, דאָקטער. איך ווייס. דער גאַנצער טראַנספּאָרט איז באַשטימט צום טויט. ס'איז מאָדנע, אָבער איך האָב דאָס געוואָלט הערן פון אייך.
– פאַר וואָס איז אייך אַזוי וויכטיק, אַז איך... – ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן האָט ער פאַרשטאַנען אַז מיט דעם רעדן באַשטעטיקט ער די השערה פון דעם מאַן וואָס איז געשטאַנען פאַר אים. צוליב אַ סך סיבות איז דאָס געווען ניט פאָרזיכטיק צו טאָן, ס'איז

אפילו געווען געפּערלעך. אין אַזעלכע פאַלן האָבן די דייטשן זיך ניט געקווענקלט און זיי האָבן שוין עטלעכע מאָל מודיע געווען, אַז זיי וועלן איינשליסן אין טראַנספּאָרט יעדן איינעם וואָס וועט ברעכן די רעגולאַציעס וואָס זיי האָבן איינגעשטעלט. ער האָט דערפּאַר שנעל צוגעגעבן:

– אויב דער גאַנצער טראַנספּאָרט וואָלט געווען באַשטימט צום טויט וואָלטן זיי ניט צעטיילט צווישן די וואָס זיינען באַשטימט צום אָפּפאָר (ער האָט אונטערשטראָכן דאָס וואָרט "אָפּפאָר") צוגאָב־ראַציעס פון ברויט און וווּרשט.

– דאָס איז איבערציַיגנדיק. פּערציק דעקאַ ברויט און פינף דעקאַ וווּרשט.

אַ קלאָרע איראָניע האָט זיך געהערט אין דעם מאַנס שטים. זיי זיינען שטיל געבליבן און געקוקט אויף זיך פיינטלעך.

– און איצט, דערלויבט מיר, וויל איך אייך עפּעס פרעגן.

– זיכער.

– וואָס איז אייער פאַך?

– מיין פאַך? ביז נעכטן בין איך געווען אַ מיסטקלייבער. פריער... אַ מאָל, אויב דער "אַ מאָל" האָט בכלל עקזיסטירט, בין איך געווען אַן אַסיסטענט פּראָפעסאָר אויפן פּראָגער אוניווערסיטעט. איך האָב אַ דאָקטאָראַט אין פילאָזאָפיע.

– האָט איר פאַרעפנטלעכט וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן?

דער מאַן האָט זיך אַרומגעקוקט.

– איר פרעגט מיך מאָדנע זאַכן... וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט דאָס אין די איצטיקע באַדינגונגען? אָבער אויב איר דאַרפט דאָס וויסן צוליב געוויסע סיבות... איך האָב אַלע מאָל געהאַט דרך־ארץ פאַר פאַראינטערעסירונגען פון אַנדערע. איך האָב פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרבעטן וועגן שאָפּענהאַוערן. איך האָב געשריבן מיין דאָקטאָראַט אונטער דער השגחה פון מאַקס נאָרדוי.

ער האָט ניט געוווסט ווי אַזוי ער זאָל פאָרמולירן דאָס וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן.

–אויב... אין פאַל... איר ווילט זייער שטאַרק בלייבן אין געטאָ און אויב מעגלעך אויסמיידן דעפּאָרטירונג... – ער האָט גלייך דערפילט, אַז ער האָט דאָס שלעכט פאָרמולירט. און בכלל האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין אַן אומנייטיקן שמועס.

– איך וויל דאָ נישט בלייבן... איך וויל ניט אויסמיידן די דעפּאָרטירונג.

– איך פאַרשטיי ניט. וועגן וואָס גייט אייך? דאָס האָט איר דאָך אָנגעהויבן דעם שמועס. האָט איר עפּעס משפחה אין געטאָ? אַ פרוי? קינדער?

– איך האָב ניט קיין שום משפחה איך בין אַליין. מיין מוטער איז באַגאַנגען זעלבסמאָרד ווען מען האָט אונדז געהאַלטן ביים אַרויסשיקן פון פּראָג.

דער שמועס האָט אים וואָס אַ מאָל מער אויפגערעגט. ער איז געווען מיד. ער איז געווען אין כעס אויפן מאַן וואָס איז געזעסן אַנטקעגן אים און נאָך מער אין כעס אויף זיך אַליין. ער האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט פון איין שמוציקער וואַנט צו דער צווייטער, ווו עס איז געשטאַנען אַ קאַנאַפּע פאַרדעקט מיט אַ צעראַטע, וואָס האָט געזאָלט שאַפן דעם איינדרוק פון אַ דאָקטערס קאַבינעט... די תפיסה האָט געהייסן "צענטראַלע". אפשר איז עמעצנס גרויסקייט־מאַניע געוואָרן באַפרידיקט אויף דעם אופן... ער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט. דער מאַן האָט איבערגעריסן די שטילקייט.

– איר מיינט, אַז מיין פראַגע האָט ניט געהאַט קיין זינען? און אייער זיצן דאָ און

אַוועקשיקן מענטשן צום טויט, האָט יאָ אַ זינען?

– איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך שיק ניט קיין מענטשן צום טויט!

– אַנטשולדיקט, און מיך שיקט איר ניט צום טויט?

– דאַרף איך אײַך דערקלערן, אַז דאָס זײַנען די דייטשן וואָס שטעלן צונויף די רשימות פון מענטשן וואָס זײַנען באַשטימט פאַר דעפּאָרטירונג?

– אָפּהענגיק פון דאָקטערס אָפּשאַצונג.

– אויב איר ווייסט דאָס אַלץ, פאַרשטייט איר דאָך מסתמא, אַז נישט געקוקט אויף דער אָפּשאַצונג פון דאָקטער וועלן די דייטשן אַרויסשיקן אַ באַשטימטע צאָל געטאָ-אײַנוווינער. חוץ דעם האָב איך אײַך דאָך פאָרגעלייגט, אַז איך קען אײַך אָפּשאַצן ווי אַ פעיקן צו פיזישער אַרבעט, און איר האָט זיך אָפּגעזאָגט...

– מען קען זאָגן, אַז איך האָב זיך אַליין געווענדט צו ווערן דעפּאָרטירט און צום טויט. צי האָט איר זיך ניט פאַרטראַכט, דאָקטער, פאַר וואָס איך האָב אָפּגעוואָרפן אײַער פאָרשלאָג?

– ווי אַזוי קען איך דאָס וויסן.

– הערט זיך צו. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צוליב צוויי סיבות. איר פאַרשטייט, דאָ אין געטאָ וועל איך פגרן פון טיפוס, פון הונגער, פון טובערקולאָז. יעדער פון די טויטן איז עקלדיק. איך האָב זיי אַלע געזען. איך וויל בעסער שטאַרבן פון ווערן פאַרגאַזט. איך וויל ביזן סוף זײַן דער בעל-הבית איבער מײַן ווילן. ביז צום לעצטן מאָמענט... אין לעצטן מאָמענט וועל איך טאָן וואָס מײַן מאַמע האָט געטאָן. איך בין גרייט דערצו. און דער עקלדיקער טויט אין געטאָ קען אַזאַ באַוווסטזיניקע האַנדלונג מאַכן אוממעגלעך. זייט איר אַ גלייביקער?

– ניין.

– איך אויך ניט... אָבער איך בין נײַגעריק, ווי אַזוי דאָס געשעט... דערפאַר, אָנשטאָט צו שטאַרבן אין עפּעס אַ לאָך, פוילנדיק פון שמוץ, אַרויסשפּײַענדיק פון זיך מײַנע לונגען וואָס צעפאַלן זיך, וועל איך זיך באַמיען צו האָבן אָפן ווי לאַנג מעגלעך מײַנע יידישע אויגן, אַזוי אַז דער איבערגאַנג, צו דעם נישט זײַן, וואָס די דייטשן האָבן צוגעגרייט פאַר אַלבערט קאָהענען פון פּראָג, זאָל פאָרקומען אויף דעם בכבודיקסטן אופן. מיט אַ לאַנגער צײַט צוריק בין איך געקומען צום אויספיר, אַז דאָס איז בכבודיקער ווי אונטערגעבן זיך דעם טויט וואָס שטייט אויף דער וואַך דאָ, אין געטאָ.

דער מאַן איז שטיל געוואָרן. מען האָט געקענט זען, אַז ער באַדויערט וואָס ער האָט זיך אַזוי צערעדט.

– און די צווייטע סיבה?

– מיך וווּנדערט וואָס איר האָט דאָס ניט פאַרשטאַנען פון אונדזער שמועס. סוף-כל-סוף אויב איר וואָלט מיך ניט באַשטימט פאַר דעפּאָרטירונג, וואָלט אַ צווייטער געמוזט פאַרנעמען מײַן אָרט. די לאַסט-אויטאָס וואָלטן נישט אַוועק קיין ליידיקע. וויפל פון אונדז דאַרף מען האָבן זיי אָנצופילן? פינף הונדערט? טויזנט? איך וויל ניט, איך ווינטש זיך ניט, אַז עמעצער זאָל שטאַרבן אָנשטאָט מיר.

– ביי שאָפּענהאַוערן האָט איר זיך מסתמא דאָס נישט אויסגעלערנט? – האָט ער געפרעגט סאַרקיסטיש און ווידער באַלד חרטה געהאַט.

– ניין דאָקטער, ביי די גריכן. אָבער ווען איך האָב זיך דאָס געלערנט האָב איך זיך ניט פאָרגעשטעלט אין וועלכע באַדינגונגען איך וועל פון דער לערע געניסן.

אין צימער האָט געהערשט אַ שטילקייט. דורך די ווענט פון דער קאַמער האָט מען

געקענט הערן דעם טעמפּן טומל פון מענטשן פאַרזאַמלטע אין אַנדערע טיילן פון בנין.

- לאָמיר ענדיקן דעם שמועס - האָט ער שטיל געזאָגט, ווי ער וואָלט זיך מודה געווען אין זיין מפּלה.

- דאָס איז באמת אָפּהענגיק פון אייך. דאָך, נאָך איין זאַך... ווייסט איר פאַר וואָס איך האָב אייך געפרעגט צי דער טראַנספּאָרט איז באַשטימט צום טויט? איך האָב געוואָלט אויסגעפינען פון אייער ענטפער, פון דעם טאָן פון אייער שטים, אָדער אפשר פון אייערע אויגן, צי דאָס וואָס איר טוט, טוט איר באַוווסטזיניק... איר ווייסט, אַז דער טראַנספּאָרט איז פאַרמשפּט... נאָר איך בעט אייך זאָגט ניט, אַז מיר זיינען אַלע פאַרמשפּט... - דאָס טאַקע האָט ער געהאַט בדעה צו זאָגן.

- דאָס איז צו באַנאַל... עס פּאַסט ניט. מען האָט אייך געהייסן, צי אפשר האָט איר באַקומען אַ באַפעל. אַ באַפעל איז אַ באַפעל. איך ווינטש אייך איר זאָלט מער אין אייער לעבן ניט דאַרפן אויספירן אַזעלכע באַפעלן. אָבער אַפילו אַזאַ באַפעל איז פאַר אייך ניט קיין באַרעכטיקונג. כאָטש איר ווייסט וואָס דער גורל פון די דעפּאָרטירטע איז, לאָזט איר איבער אייניקע אין געטאָ און אַנדערע שיקט איר צום טויט. דאָס קען מען ניט מוחל זיין!...

איך וועל דאָ מסתמא אַוועקפאַלן פון מידקייט, האָט ער געטראַכט און הויך, אויפן קול האָט ער געזאָגט:

- פון וואַנען ווייסט איר דאָס?

- מען ווייסט די זאַכן... און אפשר- האָט ער זיך צעלאַכט - האָבן די מענטשן אויפן שוועל פון טויט די פעיקייט צו זען בעסער און פאַרשטיין בעסער, ווי ביים לעבן... ניין, ניין; רעדנדיק ערנצט, אין וואַרטצימער זיצן עטלעכע אייערע... עטלעכע פון אייער, ווי רופט מען עס, אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן זיך געפילט אַזוי זיכער, אַז פון זייער שמועס האָט מען זיך געקענט וועגן אַלעם אָנשטויסן... נו, זיי זיינען יונג, זיי זיינען טאַקע זייער אָנגענעם און סימפּאַטיש...

ער האָט לייכט אָפּגעהוסט און געוואָלט אים איבעררייסן.

- באַרויקט זיך. איך וועל אייך ניט פאַרמסרן. אויב איך וואָלט עס געטאָן וואָלט עס געווען אויסשליסלעך פאַרן פאַרגעניגן פון מסרן. כ'וואָלט גאָרניט דערפון געהאָסן. איר זייט ווי גאָט, פאַר איינעם לעבן, פאַרן צווייטן טויט... לויט אַ רשימה.

ער איז אויפגעשפּרונגען.

- איר זייט פאַרחוצפּהט! דאָס אַלץ איז ניט אמת! צווייטנס...

- וואָס מיינט איר, ניט אמת? איר האָט דאָך אַליין מיר דאָס פאַרגעלייגט...

שטילקייט. זאַמד אין די אויגן. אַ הילכיקער שמועס אויף דייטש פון הינטערן פענצטער פון קעמערל. זיין קאָפּ איז שווער, ווי דער סופיט וואָלט אים צוגעדריקט.

- הער קאָהען... דאָקטער קאָהען... איז אייך קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו האַנדלען אין נאָמען פון וויכטיקערע פּרינציפּן, וואָס הייסן אָנווענדן אַנדערע כללים פון מאָראַל?

- וויכטיקערע פּרינציפּן פאַרבונדן מיט שיקן מענטשן צום טויט?

- ניין, מיין גאָט, ניין! פּרינציפּן וואָס דיקטירן צו לאָזן אין געטאָ מענטשן וואָס זיינען ספּעציעל ווערטפול.

דאָס האָט געקלונגען בלאַס און פאַלש, ספּעציעל צוליב דער איינשטעלונג פון דעם מענטש.

- איר באַשטימט דאָס, הער דאָקטער?

– ניין נישט איך. איך פֿאַרלאָז זיך אויף דער אָפּשאַצונג פֿון מענטשן, אויף מיינונגען פֿון מענטשן, וואָס איך האָב נישט קיין סיבה אין זיי צו צווייפֿלען.

– איך וואָלט געוואָלט וויסן ווי אַזוי מען שאַצט דאָס אָפּ. מיט דער הילף פֿון וואָס פֿאַר אַ מאָס קען מען באַשטימען דעם ווערט פֿון מענטשן, וואָס איר דאַרפֿט ראַטעווען מיט אייער צייגעניש, מיט דעם ווערט פֿון די, וואָס איר שיקט אָנשטאָט זיי צום טויט?... איך ווייס ניט צי איר וועט איבערלעבן די מלחמה, די דייטשן, די געטאָ, אָבער איך בין אייך ניט מקנא. איר זעט מיר אויס צו זיין אַן ערלעכער מענטש. ביזן סוף פֿון אייער לעבן וועט איר זיך חידושן צי איר האָט ניט געמאַכט קיין טעות מיט ראַטעווען איינִיקע אויפֿן חשבון פֿון אַנדערע... ווייל צו באַרעכטיקן זיך אַליין מיט דער אומטעותדיקייט פֿון אַנדערע, וואָס האָבן צונויפֿגעשטעלט די רשימה...

די טיר האָט זיך געעפֿנט און אין איר איז געשטאַנען דער פּאָליציאַנט גרייט צו טאָן זיינע פֿליכטן, אויפֿגעהייטערט ווי נאָך אַן אָנגענעמען דרעמל.

– צי קען איך אַרויספֿירן דעם מענטש?

– וואַרט נאָך אַ רגע, זייט אַזוי גוט.

דער פּאָליציאַנט, אַ ביסל פֿאַרוווּנדערט, האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף דעם נאָך אויסגעטאָנענעם מאַן און ער האָט פֿאַרלאָזט דאָס קעמערל, הייבנדיק מיט די אַקסלען. איצט האָט ער אויך באַמערקט, אַז דער מאַן איז כּמעט נאַקעט. ער איז געווען נאַקעט און אַזוי ווי שטאָלץ מיט זיין נעבעכדיקער נאַקעטקייט, גרייט אַנטקעגנצוגיין דעם גורל וואָס ער האָט אַליין אויסגעקליבן.

– איר ווייסט, איך בין זיכער מיט מיינע אַרגומענטן, אַנדערש וואָלט איך דאָ ניט געזעסן. אָבער איך פֿיל זיך ניט בכוח צו... חוץ דעם זייט איר זיכער בעסער צוגעגרייט צו אַזאַ דיסקוסיע.

– קען זיין. דאָך ווייס איך מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט, אַז מיינע אַרגומענטן זיינען ריכטיק און זיי זיינען געשטיצט אויף טויזנטער יאָר קולטור און ציוויליזאַציע.

פּלוצים האָט ער דערזען פֿאַר זיך אַן עפֿענונג.

– מיינט איר ניט, אַז אַלץ וואָס געשעט אַרום אונדז איז אַ באַווייז, אַז די טויזנטער יאָרן קולטור און ציוויליזאַציע זיינען געוואָרן פֿאַרביליקט און פֿאַרשמוצט... אַז אין קאַמף איבערצולעבן זיינען זיי אַזוי ניצלעך ווי אַ שפּיז אין מאָדערנער מלחמה?

– אפשר זייט איר אויך גערעכט. אָבער וואָס לייגט איר פֿאָר אָנשטאָט דער קולטור וואָס האָט ניט פֿאַרטיידיקט אייראָפּע פֿון ווילדקייט?

– איך טראַכט, אַז אַן אַנדער מאָראַל... אַנדערע ווערטן... ניין, אפשר די זעלבע ווערטן נאָר אַנדערש פֿאַרטיידיקט...

– לאָמיר דאָס לאָזן צורו. זעט איר ניט אַז דאָ, אין דעם אָרט, אין דער סיטואַציע, איז דער ווערטער-דועל קאָמיש?... קען איך זיך אָנטאָן?

–יאָ, יאָ, זיכער.

ער האָט געקוקט אויף דעם פֿראַגעבויגן וואָס איז געלעגן פֿאַר אים. ער האָט געקענט אָדער ראַטעווען דעם מענטש קעגן זיין ווילן, אָדער שיקן אים צום טויט צו להכעיס זיך אַליין. איידער ער האָט געטאָן דאָס צווייטע, האָט ער אָנגעקוקט דעם מאַן וואָס האָט זיך שנעל אָנגעטאָן. דער מאַן האָט דאָס באַמערקט און ווי עפּעס אַ מחילהדיקער בליק האָט אַ לויכט געטאָן אין זיינע אויגן.

– אַ גוטן טאָג דאָקטער.

– איין מינוט, איך האָב נאָך איין פֿראַגע און איך וואָלט געווען זייער דאַנקבאַר

אויב איר וואָלט מיר געענטפערט. האָט איר ניט קיין שום צווייפלען וועגן גורל פון גאַנצן געטאָ?

דער מאַן האָט דערפילט, אַז די פראַגע קען פירן צו אַן ענטפער וואָס ער וואָלט ניט געוואָלט געבן. ער האָט זיך צוריקגעקערט פון דער טיר צום טיש און וועגנדיק יעדעס וואָרט האָט ער געזאָגט:

– איך פאַרשטיי. ווען איר וואָלט געהערט פון מיר... ווען איך וואָלט אייך געזאָגט, אַז איך צווייפל ניט וועגן סוף פון דעם ספּעקטאַקל... דאָס וואָלט געמיינט, אַז איך בין זיכער, אַז יעדן איינעם דאָ דערוואַרט דער זעלביקער גורל ווי מיינער, און דעם... אויך דעם טראַנספּאָרט פון דעפּאָרטירטע, דאַן וואָלט מיין באַשלוס געווען נאָר אַ צואיילן דאָס אומפאַרמיידלעכע. ניין, איך וועל אייך ניט באַפרייען פון דער לאַסט פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם וואָס איר טוט דאָ, דאָקטער. ס'איז מעגלעך, אַז די דייטשן וועלן ניט ליקווידירן די געטאָ. אַפשר וועלן זיי ניט באַוויזן? אפשר וועלן זיי וועלן זי אויפהאַלטן צוליב עפּעס דאָרט אַנדערע סיבות? סוף־כל־סוף קענט איר – ער האָט קלאָר איבערגעחזרט דאָס לעצטע וואָרט, געבנדיק אָנצוהערן, אַז דאָס האָט ניט קיין שייכות צו אים, – זיך פאַרלאָזן בלויז אויף דעם.

ער האָט אים איבערגעריסן.

– ווען איר וואָלט געווען אין געטאָ אין דער צייט ווען... ווען עס וועט קומען דער מאָמענט פון ליקווידאַציע, וואָס וואָלט איר געטאָן? וואָלט איר געפּרוווט אַנטלויפן? וואָלט איר זיך געוואָרפן מיט נאַקעטע הענט אויף די ס.ס.־לייט?

שטילקייט.

–איך ווייס ניט... מסתמא ניט דאָס ערשטע און ניט ניט דאָס צווייטע. סוף־כל־סוף בין איך פאַרזיכערט מיט אַ שנעלן טויט, אַ דאַנק אַ קליינער, לייכט צו באַהאַלטן פיל...

– און אפשר וועלן די מענטשן, וואָס איך האָב היינט געראַטעוועט אויפן חשבון פון אַנדערע, זיי טאַקע באַפאַלן מיט נאַקעטע הענט? און אפשר, אויב די געטאָ וועט אויסהאַלטן, אויב זיי וועלן אויף אַ געוויסן אופן איבערלעבן... וועלן זיי אין דער צוקונפט, אין די קומענדיקע באַדינגונגען, זיין נייטיקער?

שטילקייט. אַ לענגערע שטילקייט.

–כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, דאָקטער... איר וועט זיין איבערראַשט, אָבער איך בין אין גאַנצן גלייכגילטיק צו דעם. אפשר איז דאָס דער גרעסטער אונטערשייד צווישן אונדז ביידן. איר טיילט איין מענטשן לויט עפּעס געוויסע מאָסן... איר שטעלט זיי מיינונגען. אויב ס'גייט וועגן מיר, וואָלט מיך גאָרנישט באַפרייט פון דער לאַסט, אַז איך האָב געוווסט אַז מען האָט אַנשטאָט מיר געשיקט עמעצן אַנדערש צום טויט... דער מיסטזאַמלער אַלבערט קאָהען פון געטאָ, ווי אויך דער פעיקער פילאָזאָף אַלבערט קאָהען פון פראָג, ביידע פאַרדינען זיך ניט, אַז אימעצער זאָל שטאַרבן אַנשטאָט זיי.

עס האָט אים אויסגעזען, אַז ער קען נאָך צוואַרפן עפּעס צו דער וואָגשאָל פון זיינע אַרגומענטן.

– מיינט איר ניט, אַז אונדזערע אַרגומענטן זיינען צוויי זייטן פון דער זעלביקער גייסטיקער ירושה?

דאָס האָט געקלונגען ניט אויפריכטיק. ער האָט ניט אויפגעהויבן די אויגן פון פראַגעבויגן וואָס איז געלעגן פאַר אים. ער האָט געהערט ווי יענער עפנט די טיר און זאָגט נאָך עפּעס אויף דער שוועל. עס איז דערגאַנגען צו אים ווי אַ שטים פון אַן אַנדער וועלט, פון אַן אומענדלעכקייט.

(המשך ז' 71)

שמחה סימכאָוויטש / טאָראָנטאָ

## קען זיין*)

קען זיין, אַז ס׳קען נאָך עמעץ פרייען זיך מיט ליכט
און שפּיגלען זיך אין גלאַנץ פון טוי און רעגן,
נאָר איך זע בלויז מיין מאַמעס בלייך געזיכט,
ס׳באַלייט איר שאָטן מיך אויף אַלע מיינע וועגן.

מיין ליד איז אַן אָנגעפילטער לאָגל
מיט אירע טרערן און געבעטן;
כ׳טראָג אים מיט אין מיין וואַנדער־וואָגל
אויף וועלכער ערד איך זאָל נישט טרעטן

## ווען?

ווען וועלן מיר דערהויבן ווערן,
מיר - די געפאַלענע
אין לעבנסדנאָ?
ווען וועט אויסשלאָגן פאַר אונדז
די חסד־שעה?

ווען וועלן מיר זיך אויסגלייכן,
מיר - די געבויגענע
פון דורותדיקער יאָך?
ווען וועלן מיר זיך אָפּטרייסלען
פון אונדזער בראָך?

ווען וועלן מיר, אָפּגענאַרטע
פון אַלע שיינריידער,
אויסלייזן זיך אַליין -
פון בייטשנדיקער נויט,
פון שרעק און פיין?

דעם באַקאַנטן דיכטער און זשורנאַליסט
**שמחה סימכאָוויטש**
צו זיין 85־סטן געבוירן־טאָג - די בעסטע ווונטשן פון געזונט,
אריכות ימים און נייע שאַפערישע דערפאָלגן.
**פאַר דער רעד. און אַדמ. פון "חשבון"**
**משה שקליאַר**

*) די לידער זיינען פון ש. סימכאָוויטשעס נייעם בוך: "דאָס ליכט פון חסד".

עקיבא פישבין / ירושלים

# דער מאַקס פּלאַטשעק־קאַטאַלאָג פון יד ושם

בסוף דעם 18־טן י״ה האָט דער עסטרייכישער קייסער יאָזעף II באַשלאָסן - ער וועט אויפשטעלן, אין מאַראַווישן טייל טשעכיע, אַ שטעטל, אַ פעסטונג פאַר אַ מיליטערישן גאַרניזאָן, וואָס זאָל האַלטן אַן אויג אויף די טשעכישע פּאַטריאָטן, און זאָלן זיי ווייניקער חלומען וועגן זעלבשטענדיקייט. כדי די טשעכן זאָלן זיך באַזינען, זיך וואַלטן רויק, האָט דער קייסער אַ נאָמען געגעבן דעם שטעטל - טערעזינשטאַט, לזכר דער קייסערין מאַריאַ טערעזאַ, זיין מאַמע, וואָס האָט געהערשט אין דער אימפּעריע מיט אַ פעסטער האַנט... אויף דעם אָ באַפעסטיקטן טערעזינשטאַט האָבן די נאַציס געוואָרפן אַן אויג בעת זיי האָבן אונטערגענומען די מאַסן־פאַרניכטונג פון יידן אין אייראָפּע. גראָד ערב דעם קריסטלעך־הייליקן יום־טוב, דעם 24־סטן דעצעמבער 1941, האָבן זיי דאָרט אויפגעשטעלט אַ געטאָ - אויף אַ ״מוסטער״: כמשמא - ״דער פיורער האָט די יידן באַשאָנקען מיט אַ שטאָט״, און זאָל די וועלט זען, אַז אַלץ וואָס מען רעדט אויס אויף די נאַציס איז הוילע רכילות. שקר וכזב... אדרבא, זאָלן מענטשן קומען, זאָלן מענטשן זען!

מענטשן זענען געקומען - און זיי האָבן געזען... וואָס האָבן זיי דאָרט געזען? געזען, אַז קולטור־לעבן האָט זיך דאָרט געפירט אין געטאָ (אויף אַ מוסטער) אַ זעלטנס... ווו האָט מען דאָס געהערט און געזען אין די מלחמה־יאָרן? הערט, איר וועט שטוינען... - מחוץ אַן אָרגאַניזירטן בילדונגס־סיסטעם, האָבן יידישע אנשי־רוח, אַלץ מענטשן מיט אַ נאָמען אין דער וועלט, געהאַלטן דאָרט לעקציעס וועגן וואָס איר ווילט נאָר הערן און געדענקען: - וועגן פּלאַטאָ און אַריסטאָטעלעס, וועגן רמב״ם און שפּינאָזע, וועגן דעם פראַנצויזישן פילאָזאָף דעקאַרט און די דייטשישע פילאָזאָפן לייבניץ און קאַנט. געלערנטע האָבן געהאַלטן לעקציעס וועגן געשיכטע און עקאָנאָמיע, וועגן נאַטור־וויסנשאַפטן, וועגן טעכנישע נייעסן, וועגן קונסט און עסטעטיק, וועגן די אנוסים פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, אפילו וועגן ציוניזם האָט מען דאָרט געהאַלטן לעקציעס. אַלץ וואָס אַ מענטש פון קולטור טוט באַשעפטיקן האָבן דאָרט יידישע ספּעציאַליסטן־אסירים באַהאַנדלט אין פאָרעם פון באַזונדערע פאַרלעזונגען.

יאָ - עפּעס זאָגט מען אין דער וועלט, אַז ״ווען ס׳דונערן האַרמאַטן שווייגן די מוזעס!״ רבותי! - איר זאָלט נישט גלייבן! - אַן אויסטראַכטעניש פון פעסימיסטן... וואָרעם, ביים גרעסטן טראַמאַסק פון האַרמאַטן, האָט דאָרט אינעם געטאָ (אויף אַ מוסטער) געבליט די קונסט. קינסטלער - מוזיקער און פּלאַסטיקער - זענען דאָרט געווען אַ סך. און קיינער איז נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. מען האָט געטאָן... איז דאָרט געווען ״אַ סטודיאָ פיר נויע מוזיק״, קאָמפּאָזיטאָרן האָבן געשאַפן אָפּערעס און קאַמעראַלע מוזיק. אַלץ איז געוואָרן אויסגעפירט אויף עפנטלעכע קאָנצערטן... הייַנט, די פּלאַסטיקער, אויך זיי זענען נישט געזעסן ליידיק. גראָד זיי האָבן געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט. פאַר זיי איז דאָרט געווען אַן אַ״ג ״צייכנשטובע״ אָנגעפירט פון פופצן יידישע קינסטלער מיט אַ נאָמען. זיי האָט די עס־עס באַזאָרגט מיט אַלעם נייטיקן צו יצירה, באַשטעלט ביי זיי שאַפונגען, און זיי שפּעטער אויסגענוצט פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן. די אָ שאַפונגען פון די קינסטלער־אסירים האָט מען געוויזן דער וועלט...

טעאַטער־פאַרשטעלונגען, אָוונטן פון פּאָעזיע – אויך דאָס איז דאָרט געווען זייער אָפט. נו – איז דאָס צו גלייבן? דאָס קלינגט דאָך ווי אַ לעגענדע! ניין! ס'איז שוין ווייניש קיין לעגענדע. אַלץ איז אמת ויציב!!! אַזוי איז דאָס געווען אין דעם "מוסטער געטאָ" טערעזינשטאָט. די דאָרט באַפרייטע יידן האָב דאָס אַלץ באַשטעטיקט. אדרבא, בלעטערט דעם מאַקס פלאַטשעק קאַטאַלאָג – געוואַלד! ס'איז דאָך צו שטוינען!

דער טייוולאָנישער מוח פון די נאַציס האָט דאָס געהאַט אַ גבורה אָפּצונאַרן אַ וועלט מיט אַ רויך־פאַראוואַן פון אַ מוסטער־געטאָ פאַר יידן פון טשעכאָסלאָוואַקיע, דייטשלאַנד, עסטרייך, האָלאַנד דענעמאַרק – אַן עליטע ס'רוב אינטעלעקטועלע. אַזוי האָבן זיי מאַסקירט דעם מאַסן־אומברענג פון זעקס מיליאָן יידן!

דער קאַטאַלאָג פון דער מאַקס פלאַטשעק־אויסשטעלונג, וואָס איז פאַרגעקומען מיט אַ צייט צוריק אין מוזעום פון יד ושם אין ירושלים, איז אַ וואָגיקער גבית־עדות וועגן דעם עס־עס שווינדל בשם טערעזינשטאָט.

* * *

דער קנאָפּ באַקאַנטער יידישער קינסטלער, מאַקס פלאַטשעק, פון טשעכאָסלאָוואַקיע, איז קיין טערעזינשטאַט אָנגעקומען אין סעפּטעמבער 1942. און אַז נאָך עטלעכע חדשים "לעבן" אין דעם מוסטער־געטאָ טערעזינשטאַט, האָט ער געזען, אַז ער וועט אַ טאָג, ווי אַלע דאָ, פאַרטריבן ווערן צום טויט, איז אָנגעפאַלן אויף אים אַ פּיינלעכער דורשט – עדות זאָגן פאַר יעדן פרייז! זאָל דאָס ביסל צייט, וואָס אים איז באַשערט נאָך צו אָטעמען, האָבן אַ טעם! ער וועט איבערלאָזן פּאָרטרעטן פון זיינע אחים לצרה, און זאָלן זיי דערציילן דעם אמת וועגן "מוסטער געטאָ", וועגן דער "שטאָט" וואָס "דער פיורער האָט באַשאָנקען די יודן".

אימפּעטדיק, האָט זיך פלאַטשעק אַ נעם געטאָן צו דער יצירה. אין פאַרלויף פון אַכט חדשים, ביז די עס־עס האָט אים פאַרטריבן מיט דער משפחה קיין אוישוויץ, האָט ער געשאַפן אַן ערך פינף הונדערט און פופציק פּאָרטרעטן. דער ראָם, דער אַרומנעמיקער, פון דעם קינסטלערס כמותדיקן פאַרמעסט שליסט איין אַ פלעיאַדע פון רבנים, פילאָזאָפן, מעדיקער און ווייסנשאַפטלער, שרייבער און קינסטלער, טעאַטער־מענטשן און סתם יידן פון גרויס חשיבות. מילא, מאַקס פלאַטשעקס גראַפישע פּאָרטרעטן – זיי רעדן דאָך רייד וועגן זיין פּיקאַנטן טאַלאַנט, זיי דערציילן אויך וועגן די געצייכנטע פּערזענלעכקייטן אַ סך. יעדער פּאָרטרעט טראָגט די חתימה פון קינסטלער און די חתימה אויך פון דער פּאָרטרעטירטער געשטאַלט – אָפט מאָל באַגלייט מיט אַ דאַנק, אַן אָפּשאַצונג, אָדער גאָר אַ פסוק מיט אַ סענטענץ. די דאָזיקע "טאָפּלטקייט" באַקרעפטיקט דעם כוח פון גבית עדות.

מען דאַרף זאָגן – מאַקס פלאַטשעק איז אַ טאַלאַנטפולער צייכנער. מיט עטלעכע שנעל־פּליסיקדיקע ליניעס, מיט צוויי־דריי שטריכן טוט ער אַרויסברענגען אויפן פּנים דעם כאַראַקטער, דאָס געפיל פון הומאַנעם גייסט ביי דעם געשטאַלט. און דאָך – הגם דאָמינאַנט איז אין זיינע פּאָרטרעטן דער אַקצענט פון קאַריקאַטור הערט מען אין זיי אָפט אַ דראַמאַטישן ברום פון צאָרן און ווייטיק. פון די זיבעציק פלאַטשעק־פּאָרטרעטן אין קאַטאַלאָג ווערט מען געוויער שווידערלעכע זאַכן. אָט איז אַ פּאָרטרעט פון פּראָפ' רודאָלף סאַנדאַוער – אַ סקולפּטאָר און גראַפיקער מיט אַ שם, געפירט אין געטאָ אַ סטודיאָ און שפּאָר געשאַפן. אגב, האָט ער אונטער זיין פּאָרטרעט, אַ צופרידענער באַמערקט – "וויציק געמאַכט". ביי אָט דעם פּראָפ' סאַנדאַוער האָט די עס־עס באַשטעלט

אַ סטאַטוע צו באַשיינען אַן עפנטלעכן פּאַרק אין "מוסטער"־געטאָ" טערעזינשטאַט. קאָן נאָך זיין אַ גרעסערע צביעות?! די אויסגעפּירטע באַשטעלונג האָבן די נאַציס אויסגענוצט אינעם פּראָפּאַגאַנדע־פילם א"נ "דער פיורער האָט באַשאָנקען די יודן מיט אַ שטאָט". הכלל - זאָל די וועלט זען און וויסן, אַז מען זאָרגט פאַר באַקוועמלעכקייט און פאַר עסטעטיק אינעם געטאָ פון טערעזינשטאַט...

און אָט אַ פּאָרטרעט פון יידישן קינסטלער יוסף ספּיר פון האָלאַנד - ביי אים האָבן די עס־עס באַשטעלט אַקוואַרעלן וועגן שאַרם פון דער שטאָט טערעזינשטאַט. די פּאַרטיקע יצירות האָבן די נאַציס אונטערגעטראָגן ווי מתנות פאַר די דעלעגאַציעס פון "רויטן קרייץ" בעת וויזיטן אין לאַגער... אַ פיינע קאַריקאַטור האָט ער געשאַפן, פלאַשטעק, פון ד"ר פּאַוועל פאַנטל, וואָס געווען איז ער, מחוץ אַ רופא, אויך אַ קינסטלער מיט אַ שאַרף וויציקן טאַלאַנט. ער האָט בחדרי־חדרים געשאַפן אַ הומאָריסטישע סעריע אַקוואַרעלן בשם "דער גילגול פון מענטש". דאָרט פיבערט דער אמת פון יידישן וויי־און־ווינד אין טערעזינשטאַט.

און אָט הערט אַן אמתן גרוס פון "מוסטער־געטאָ" - אונטער דעם פאַרזאָרגטן פּאָרטרעט פון פּאָעט און בינע־קינסטלער וואַלטער לינדענבאַום איז פאַראַן זיינע אַ צושריפט (נאָוועמבער 1943): "מיר זענען דאָ פערציק טויזנט יידן. געווען זענען מיר מער. די נישט פאַרטריבענע קיין פּוילן האָט מען אין קאַסטנס אַרויסגעפירט - טויטע. אין די אָוונטן שטייען מיר אין הויף פון קאַזאַרמע, מיר זענען פאַרזאָרגט און מיר זיפצן..."

און אָט אַ פּאָרטרעט פון ד"ר בנימין מורמעלשטיין (אַ מיטגליד אין דער "אויטאָנאָמיע" - לייטונג פון געטאָ) אַ פאָרשער פון געשיכטע, פלעגט ער האַלטן לעקציעס וועגן די מאַראַנער פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. אים האָט פלאַטשעק אַ סברא נישט איבעריק ליב געהאַט: עפּעס ווינקט אַרויס פון זיין פּאָרטרעט אַ דאָזע חוזק... אונטערן פּאָרטרעט האָט מורמעלשטיין באַמערקט מיט וווּנדער: "דאָס בין איך?" נו, מאַ - אַ מיטגליד פון יודנראַט...

ס'איז כדאי צו באַמערקן - צווישן די לעקטאָרן אין טערעזינשטאַט איז געווען הרב לעאָ בעק, דער לעצטער הרב הראשי פון דייטשלאַנד. ער האָט דאָרט דערלאַנגט לעקציעס וועגן רמב"ם, שפּינאָזע, וועגן די דייטשישע פילאָזאָפן לייבניץ און קאַנט. יאָ, דער עולם האָט זיך געבילדעט, און די נאַציס האָבן דאָס גאַנץ גוט אויסגענוצט. דאָרט האָט דאָך אַפילו אַמטירט אַ רב... די אָ פונקציע האָט אויסגעפירט הרב ריכאַרד פעדער (פאַראַן זיינער אַ פּאָרטרעט אין קאַטאַלאָג). דער רב האָט זיך פאַרנומען מיט א"ג סאָציאַלע טעטיקייט.

ביים פּאָרטרעט פון ד"ר משה וואַסקי־נאַהאַרטאַווי, פּראָפעסאָר פון העברעיש און אַראַביש אויפן אוניווערסיטעט אין דער דייטשישער שטאָט האַלע, איז פאַראַן נאָטיץ, אַז ער איז אין טערעזינשטאַט געווען בראָש פון אַ פאָרשונג צו שאַפן העברעישע ווערטער, וואָס זאָלן אילוסטרירן דאָס דאָרטיקע לעבן. פלאַטשעק האָט אויך געצייכנט פריץ פּאַוסקאַ, אַ לערער פון עברית אין קאַרלסבאַד בימי הנאצים, וועלכער האָט אין טערעזינשטאַט געלערנט יידן עברית.

אַן איידעלע צייכענונג האָט פלאַטשעק געשאַפן פון פאַרזאָרגטן פּראָפעסאָר פון געשיכטע אויפן דייטשישן אוניווערסיטעט אין פּראָג - סאַמועל שטיינהאַרץ. ער פלעגט האַלטן לעקציעס אד"ט "יידיש לעבן אין טשעכיען". לאָמיר דאָ אויך דערמאָנען דעם האָפערדיקן פּאָרטרעט פון ד"ר רודאָלף זלאַטקאָוויטש מיטן בטחונדיקן צושריפט: -"מיר

זענען געווען – מיר וועלן זיין". מיט דרך ארץ האָט פלאַטשעק געצייכנט דעם פּאָרטרעט פון פּראָפ' ד"ר אַרטור שטיין, דעם פאָרשער פון אַלטערטימלעכן רוים אויפן דייטשישן אוניווערסיטעט אין פּראָג. ער האָט געלאָזט אַ פּאָר ווערטער אונטער זיין פּאָרטרעט: "אין שווערע צייטן – לאָמיר זיך האַלטן קאַלטבלוטיק און באַהערשט!"

אַ יושר איז צו דערמאָנען די פּרוי פון הרב איזידאָר קאַראַ – רב פון קעלן. אין טערעזינשטאָט האָט זי זיך ממש אָוועקגעגעבן פאַר די קינדער. און צווישן פּרוּוען דאָרט האָט זי געפירט אַ קולטור־אַרבעט מיט אַ ציוניסטישער אויפקלערונג. אַ שאַרף עקספּרעסיוון פּאָרטרעט האָט פלאַטשעק געשאַפן פון דער דיכטערין גיזאַ פּיקאַוואַ־סאָודקאָוואַ, וואָס איז אַנגעגאַנגען אין "מוסטער"־געטאָ מיט בינע־קונסט.

פאַראַן אין קאַטאַלאָג אַ צאָל פּאָרטרעטן פון מוזיקער, וועלכע האָבן פון זיך געלאָזט הערן. מיט איין שנעל פּליסיקע ליניע האָט פלאַטשעק געשאַפן אַ שאַרפן פּאָרטרעט פון מוזיקער פּאַוועל האַס, (אַ שילער פון גרויסן יאַנאַטשעק). רירנדיק איז דער פּאָרטרעט פון מוזיקער וויקטאָר אולמאַן, אַ געוו. תּלמיד פון אַרנאָלד שענבערג. זיין טרויעריק פּנים רעדט רייד... אולמאַן האָט אין טערעזינשטאָט אַ סך – אַ סך געשאַפן, און דער עיקר האָט ער געשאַפן די אָפּערע "דער קעניג פון אַטלאַנטאַ" – אַן אַלעגאָריע אויפן דריטן רייך! נאָך עטלעכע פּראָבעס האָט די עס־עס די אָפּערע פאַרווערט צו שפּילן. אולמאַן איז אומגעקומען אין אוישוויץ. די אָפּערע פּאַרטיטורע איז געלונגען אָפּצוראַטעווען. נאָך דעם קריג האָט מען זי געשטעלט אין ישראל, האָלאַנד, מערב־דייטשלאַנד און פּוילן.

אַ גוטמוטיקע קאַריקאַטור האָט פלאַטקעק געמאַכט דעם קאָמפּאָזיטאָר האַנס קריסאַ, דעם שעפער פון דער קינדער־אָפּערע "ברונדיבאַר". עפּעס אַריבער די פופציק מאָל האָט מען דאָס דאָזיקע ווערק געשפּילט פאַר די קינדער־אין טערעזינשטאָט. פאַראַן אין קאַטאַלאָג אַ פאָטאָ: "אַ פאָרשטעלונג פון דער קינדער־אָפּערע "ברונדיבאַר" אין טערעזינשטאָט 1943". דאָס בילד שטאַמט פון נאַצישן פּראָפּאַגאַנדע־פילם (1944) א"נ "דער פיורער האָט באַשאָנקען יידן מיט אַ שטאָט". לאָמיר באַמערקן – נאָכן שאַפן דעם פילם האָבן שוין די עס־עס גענומען ליקווידירן זייער שווינדל – דעם "מוסטער־געטאָ" צו ווייזן דער וועלט...

נישט צו פאַרגעסן איז די פּיקאַנטע קאַריקאַטור פון יידיש־טשעכישן דיריגענט – קאַרל אַנטשערל. שוין אַ בחור פון 23 יאָר האָט זיך אַנטשערל געשניטן אויף אַ דיריגענט פון אַ ניוואָ. פאַרשיקט מיט דער משפּחה קיין טערעזינשטאָט, האָט ער אָנגעפירט דאָרט מיט אַ שטריך־אָרקעסטער. אַנטשערלס גורל האָט געוואָלט. ער זאָל פון אוישוויץ אַרויס אַ לעבעדיקער. נאָך דער מלחמה איז ער געוואָרן אַ וועלט־באַרימטער דיריגענט.

מיט אָפּערע־פאַרשטעלונגען אין קאָנצערט־אויספירונג איז געווען טעטיק דאָרט דער פּיאַניסט און דיריגענט פון ווין – פראַנץ אויגען קליין. נאָכן "אַנשלוס" האָט ער אָנגעפירט מיטן יידיש אָרקעסטער "קולטורבונד". פאַראַן אין קאַטאַלאָג, מחוץ דעם פיינעם פּאָרטרעט, אַ פאָטאָ פון אַפיש מכוח "קאַרמען" פון ביזע – דיריגירט פון קליין. קליין האָט דאָרט, אין געטאָ, געשאַפן אַן אייגענע אָפּערע – ער האָט זי נישט דערלעבט אויסצופירן. נאָך עטלעכע פּראָבעס האָט מען אים מיט דער פרוי אַוועקגעשיקט קיין אוישוויץ צום אומברענג...

פאַראַן אין קאַטאַלאָג אַ פּאָרטרעט פון דראַמאַטורג און רעזשיסער נאָרבער פריד, וואָס פלעגט שטעלן פּיעסן אין טערעזינשטאָט. אַט, למשל, זיין פּיעסע "אסתר המלכה".

גלייך נאָך דער פֿאָרשטעלנונג האָט מען אים דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ. ער איז פֿון דאָרט אַרויס מיטן לעבן און נאָך דער מלחמה געוואָרן טשעכאָסלאָוואַקיע־אַמבאַסאַדאָר אין מעקסיקע. ער לויבט זיין פּאָרטרעט מיט די ווערטער: "צוויי־דריי ליניעס און דאָס בין איך. כ'ווינטש דעם קינסטלער אַ טאָפּלטע פּאָרציע שפּייז אין לויף פֿון אַ גאַנץ יאָר צייט"...

ס'איז כדאי צו דערמאָנען דעם דינעם פּאָרטרעט פֿון געוואַגטן ייד אויזשי שטראָס. אין די גוטע צייטן איז ער געווען אַ באַקאַנטער קונסט־קאָלעקציאָנער אין פּראָג. דער אָ ייד האָט געוואַגט פֿון טערעזינשטאַט אַרויסצופֿירן נישט צענזורירטע בילדער פֿון זיינע פֿריינד־קינסטלער. נאָך אַ מסירה, האָט מען דעם דרייסטן ייד, מיט עטלעכע קינסטלער ביינאַנד, דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ, און דאָרט זיי אומגעברענגט.

אין קאַטאַלאָג איז פֿאַראַן אויך אַ פּאָרטרעט פֿון אַ... תליון - אַ ייד, אַ קצב פֿון טשעכאָסלאָוואַקיע. אונטערן פּאָרטרעט האָט דער תליון אַדאָלף פֿישער געלאָזט אַ צושריפֿט בזה הלשון: "זאָלן מענטשן רעדן, מיין געוויסן איז ריין. אַלע מיינע האַנדלונגען זענען באַרעכטיקט. אַלץ וואָס כ'האָב געטאָן איז געווען לטובת הכלל". און דאָך האָט מען דעם תליון אויך משלח געווען קיין אוישוויץ. דאָרט האָט ער אַריינגעטראָפֿן אין דער "זאָנדערקאָמאַנדאָ" ביי די קרעמאַטאָריע־אויוונס.

מילא, מוזיקער אין טערעזינשטאַט אי געווען אַ סך, און דאָך, איז כדאי אַ וואָרט צו זאָגן נאָך וועגן צוויי. אַזאַ פֿייערדיקער ברען צו דער אַרבעט, ווי ס'האָט געשטעקט אין דעם מוזיקער רפֿאל שעכטער פֿון פּראָג איז אין טערעזינשטאַט געווען איינציק. עפּעס האָט דער מענטש נישט געוווסט דעם טעם פֿון רוען. ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אין "מוסטער־געטאָ" האָט ער גלייך צונויפֿגעשטעלט אַ מענער־כאָר און באַלד גענומען גרייטן אַן אויספֿירונג פֿון "די פֿאַרקויפֿטע כלה" - די אָפּערע פֿון סמעטאַנאַ. פֿינעף און דרייסיק מאָל איז געגאַנגען דאָס ווערק פֿון טשעכישן קאָמפּאָזיטאָר! גלייך שפּעטער האָט שעכטער גענומען אויספֿירן "די חתונה פֿון פֿיגאַראָ" מאָצאַרטס. און ווייטער - אַ צווייטע אָפּערע פֿון סמעטאַנאַ. דאָס גרויסע מוזיקאַלישע געשעעניש אין טערעזינשטאַט איז געווען שעכטערס אויספֿירונג פֿון ווערדיס "רעקוויעם". דאָס דאָזיקע איז אים שוין אָבער אָנגעקומען ביטער־שווער. ביי יעדער פּראָבע האָבן אים געפֿעלט געוויסע אויספֿירער -דעפּאָרטיקע קיין "מזרח" צום טויט. ענדלעך - דעם 16 אָקטאָבער 1944 האָט שעכטער אויסגעפֿירט, מיט אַ גרויסן כאָר, אַ געמישטן, מיט סאָליסטן, אין באַגלייטונג פֿון אַ קלאַוויר, דעם "רעקוויעם" פֿון ווערדי! אונטערן פּאָרטרעט פֿון ענערגישן רפֿאל שעכטער איז אין קאַטאַלאָג פֿאָראַן דער אַפּיש וועגן דער אויספֿירונג. הערט אָבער דעם ביטערן סוף - גלייך נאָך די אַפּלאָדיסמענטן פֿאַר דער געלונגענער איניציאַטיוו, האָט די עס־עס פֿאַרנומען דעם גאַנצן אַנסאַמבל, מיטן דיריגענט רפֿאל שעכטער ביינאַנד, און אַוועקגעשיקט אַלע קיין אוישוויץ צום טויט!...

ביים סוף פֿון קאַטאַלאָג איז פֿאַראַן אַן איינדרוקספֿולער פּאָרטרעט פֿון באַרימטן פֿידלער עגאָן לעדעטש. אָנגעטאָן, ווי צו אַן אויפֿטריט, שטייט דער פֿידלער אין דער גאַנצער גרויסקייט זיינער, אַ פֿאַרזאָרגטער און אַ טיף פֿאַרטראַכטער. די פֿידל, אַ פֿאַרדעקטע, קוקט אַרויס פֿון מלבוש. עפּעס וואַרפֿט ער, לעדעטש, פֿון אונטער די ברילן, אַ בליק, אַ טרויעריקן, אויף די נאָטן- ווי איינער זאָגט - זאָל ער שפּילן, אָדער זאָל ער נישט שפּילן? ווייל, וואָס איז דאָ דער גאַנצער שפּיל פֿאַרן טייוול?... איז אָבער די מעשה - ווי זאָגט אונדזער י.ל. פּרץ: "זייט נישט דער ווינט, וואָס לעשט דעם פֿלאַם, נאָר בלאָזט זיך אויף, ווייל נאַכט איז סם!" (טרייסט).

נו – האָט ער געשפּילט, עגאָן לעדיטש, דער גרויסער פידלער. אויף צו להכעיס די ווילסטע נאַציס, די באַרבאַרן, האָט ער זיי געוויזן, וואָס ער איז בכוח. ער האָט אַ נעם געטאָן זיך צו אַ מין גייסטיקן ווידערשטאַנד, ווי די אַנדערע מוזיקער, פלאַסטיקער און כל מיני אנשי רוח אין טערעזינשטאַט. קודם כל האָט ער געשאַפן אַ וויאָלין־קוואַרטעט און דערלאַנגט קאָנצערטן פון קלאַסישע מוזיק. און אַז ער האָט זיך צעוויכערט, האָט ער גענומען שאַפן און שאַפן. ביז, אַ טאָג, האָט אים די עס־עס אָפּגעשטעלט... דעם 16־טן אָקטאָבער 1944 איז ער בײַנאַנד מיט די מוזיקער, די אויספירער פון ווערדיס "רעקוויעם", געשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ, און דאָרט איז ער אומגעקומען. בלויז איין און איינציק ווערק זײַנס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט.

* * *

צו דעם בעסטיאַלן שווינדל פון די נאַציס האָט ענדלעך גענומען אַ סוף. די סאָוועטישע אַרמיי איז אַריין קיין טערעזינשטאַט און באַפרייט דאָרט אַן ערך זיבעצן טויזנט יידן, וועלכע די עס־עס האָט נישט באַוויזן אומצוברענגען. און די וועלט האָט געעפנט אָ פּאָר אויגן אויף דער היפּאָקריזיע מיטן נאָמען "דער פירער האָט באַשאָנקען יידן מיט אַ שטאָט"....



"ד"ר בנימין מורמעלשטיין. עפּעס ווינקט אַרויס פון זיין פּאָרטרעט אַ דאָזע חוזק."



"רירנדיק איז דער פּאָרטרעט פון מוזיקער וויקטאָר אולמאַן, אַ געוו. תלמיד פון אַרנאָלד שענבערג."

מ. אייזענבוד / מעלבורן

# אין אַ "באָרדינג־האַוז"

## דערציילונג

צו ערשט האָבן זיינע מאַטע שוואַרצאַפּלען אַ שווים געטאָן אין די תמיד־פּייכטע אויגן, ווי אַן אָפּגעשטאַנענער פיש, וואָס האָט פּרובירט נאָך אַ שווים טאָן, איידער ער בלייבט ליגן איבערגעדרייט – מיטן בויך אַרויף. דאָס זענען געווען די אויגן פון יענעם פיש, וואָס איז נאָר וואָס געבליבן ליגן מיטן ווייסן בויך אויף דער אויבערפלאַך: אויגן גלעזערנע, פאַרנעפּלטע. ער האָט געפּרווט אויסטאַפּן מיט די אויגן די ריכטונג פון וועלכער עס דערגייט דאָס גערויש פון אַ מאָטאָר. זיי האָבן געטאַפּט אין חלל, ווי די אויגן פון אַ בלינדן. פון זיך אַליין האָבן זיינע ברייטע אויערן, צוגעפּלאַטשיקטע צום שאַרף־ביינערדיקן שאַרבן, זיך אָנגעשטעלט אין דער ריכטונג, פון וואַנען דאָס גערויש איז געקומען.

אַצינד האָבן זיי אויפגענומען דעם קלימפּער פון מעטאַל אָן מעטאַל. די לויז־געוואָרענע שרויפן האָבן געגעבן דעם מעטאַל אַלע פרייהייטן זיך אָפּצורופן אויף די אויפטרייסלונגען, פאַרשפּעטיקטע און ניט רעגלמעסיקע, וועלכע האָבן צעטרייסלט דעם אינגעווייד פון מאָטאָר, וועלכער שטעלט זיך אַנטקעגן דעם צוואַנג, דעם אינערלעכן דרוק זיך צו באַוועגן פאָרויס. און נאָך איידער מוליע האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, האָט ער פאַר זיך קלאָר געמאַכט.

– שוין ווידער די אַלטע "באָמבע"...

און דאַן ערשט:

– אוודאי פאַרשפּילט ביז אַ פּעני...

מיט אַ קרעכץ און אַ שיפּע, און אַ גרילץ פון אַ ניט אָנגעאייליטן מעטאַל, וואָס שלייפט זיך מיטאיינאַנדער, איז דער אַלטער "פאָרד" שטיין געבליבן פאַרן טויער.

מוליע האָט דורכן פענצטער צוערשט דערזען אַ פּאָר געלע אָפּגעטראָגענע שיך, און דאַן אַ פּאָר ברוינע, פון דער זון אָפּגעשאָסענע הויזן, וואָס האָב אויסגעזען גענוג זעלבשטענדיק, און ניט געוואָלט אָנערקענען קיין שום שייכות מיט די געלע אָפּגעריבענע שיך און די געבלימלטע שקאַרפּעטן. דאַן האָט זיך דורכן דער ענגער טיר פון אויטאָ אַדורכגעשטופּט אַ ברייטער געזעס, אויף וועלכן די סאַמעטענע הויזן האָבן זיך אָנגעצויגן ווי אַ רגע פאַרן פּלאַצן. אין דרויסן איז שטיין געבליבן אַ געשטאַלט, ביי וועלכן ביידע הענט זענען געווען באַלאָדן מיט פּעקלעך. דאָס געשטאַלט האָט זיך אויסגעגלייכט, ווי קאָנטראָלירנדיק צי די אַלע קערפּער־טיילן זענען אָנגעקומען ווי עס געהער צו זיין. יעדער טייל אויף זיין אָרט, אָט אַזוי ווי זיי זענען לכתחילה באַשאַפן געוואָרן. מיט די פינגער פון די הענט האָט ער אָנגעטאַפּט, צי אין די פּאַפּירן זענען טאַקע דאָ די אַלע זאַכן, וועלכע ער האָט געהייסן איינפּאַקן.

אַלץ איז געווען ווי עס באַדאַרף צו זיין.

ער האָט זיך ניט אַרומגעקוקט אויף דער גאַס. זי האָט אים געלאָזן גלייכגילטיק. אַ גאַס מיט הייזער, וועלכע ער האָט ניט געבויט, מיטביימער –וועלכע ער האָט ניט געפּלאַנצט; מיט קינדער – וועלכע ער האָט ניט געפּלאָדיעט... די לייזיקע ממזרים...

ער האָט אַ בריקע געטאָן די אָפענע טיר פון אויטא, ווי זי וואָלט געווען אַ באַשעפעניש מיט וועלכער ער איז איבערהויפּט ניט צופרידן, און ער מוז אומבאַדינגט

איר לאָזן וויסן זיינע געפילן. און נאָך איידער די טיר האָט זיך מיט אַ טראַסק צוגעמאַכט, האָט ער אָפּגעמאַכט זיין מיינונג וועגן דעם אויטאָ:

– פֿאַרפּוילטער באַסטאַרד...

– ס'האָט אים שוין דער גוטער בראַך געטראָפֿן אויף די פֿערד־געיעגן – האָט מוליע אַ זאָג געטאָן צו זיך און געאײַלט אויפֿצומאַכן די גלעזערנע טיר, וועלכע איז פֿאַרן "באָרדער" זיינעם, דעם פּאַרט־אַרבעטער, דעריק איקאָנער, ניט געווען קיין גלעזערנע טיר, נאָר אַ בלוטיקער ממזר, וואָס פֿאַרדינט ניט מער ווי אַ גוטן בריק מיטן שפּיציקן געלן שוך.

– אַזאַ אידיאָט, זי קאָן ניט זיין תמיד אָפּן...

און היות מוליע האָט פֿאָרויסגעזען דעם גורל פֿון דער טיר, האָט ער זי שנעל אויפֿגעמאַכט. דורך דער אָפֿענער טיר איז ער אַריין זייטיק, און מיטן טונקעלן קאָרידאָר זיך געלאָזן צו דער קיך. אַ שטול, וואָס איז צופֿעליק געשטאַנען צווישן אים און דעם עס־טיש האָט געקראָגן אַ לייכן, גוט־ברודערישן שטופּ און זיך איבערגעדרייט. פֿאַרן שטול איז אים אַ שאָד געווען אַ וואָרט, אויף וועלכן ער איז בטבע ניט געווען קאַרג.

אין קיך האָט פֿאַרשמעקט מיט געפּרעגלטן בוימל, נאָך איידער דעריק האָט פֿונאַנדערגעוויקלט די פֿאַרפֿעצטע צייטונגס־פּאַפּירן.

–דער גריכישער ממזר – האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מוליען, – האָט איינגעפּאַקט מער פּאַפּיר ווי "פֿיש און טשיפּס". מיט צוויי פֿינגער האָט ער אַ נעם געטאָן די געפּרעגלטע קאַרטאָפֿל־קלעצלעך, זיי אַריינגעוואָרפֿן אין מויל, און אַ וויש געטאָן די שמוציקע פֿינגער אָן הינטן.

– אויף וועלכן פֿערד האָסטו געשטעלט? – האָט מוליע אַ פֿרעג געטאָן, כאָטש לויטן "פֿיש און טשיפּס" האָט ער געזען, אַז דעריק איז גוט אין דר'ערד, און דאָס פּרעסט ער אַצינד אויף די לעצטע צוויי שילינג, וועלכע זענען אים איבערגעבליבן נאָך די "רייסעס".

– צוויי באָב פֿאַר די פֿוילע טשיפּס – האָט דערעק אַ ברום געטאָן. און צו מוליען, וואָס האָט אויף אים געשטשירעט מיט אַ מויל גאָלדענע ציין, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

– וואָס שטייסטו ווי אַ פּלאָקן "בראַסאָ", דערלאַנג די גלעזער.

– נעם דיר "טשיפּס" – האָט ער צו מוליען אַ שאַר געטאָן די פֿעטע צייטונג. איבער וועלכער עס זענען נאָך געווען צעוואָרפֿן די געבראָטענע שטיקלעך קאַרטאָפֿל און די שטיקלעך פֿיש, געטונקטע אין מעל און געפּרעגלט אין דריפּינג...

– 19 צו 1 – דער ממזר – דוכט זיך, אַ זיכערער געווינער, טוט ער זיך אַ ריס פֿון באַריער צום מיטן, און קומט דער צווייטער, אַזאַ "דראַנגאָ"...

דערעק האָט אַ מאָל געטאָן מיט די ציין די ווייכע, געזאַלצענע קאַרטאָפֿל, אַ זופּ געטאָן דאָס ביר און איבערגעלאָזט פֿעטע ליפּן־אָפּדרוקן אויפֿן גלאָז.

– ווער האָט זיך אויף דעם פֿאַרשאָלטענעם געקאָנט ריכטן – אַצינד בין איך מיט אַ פֿינף־און־צוואַנציקער אָרעמער..

ער האָט אַ נעם געטאָן די לעצטע פּאָר "טשיפּס" און גענומען אויסשטעלן פֿאַר מוליען די פֿערד אויפֿן געיעג־פֿעלד. מיטן פֿעטן, שוואַרצן נאָגל פֿון גראָבן פֿינגער האָט ער אָנגעצייכנט די ליניע וווּהין זיי דאַרפֿן דערלויפֿן און וועלן פֿאָטאָגראַפֿירט ווערן, מען זאָל געניי וויסן, וועלכעס פֿערד האָט געוווּנען. די ליניע איז געווען דער "פֿאָטאָ־פֿיניש".

– צוערשט האָט זיך אַ ריס געטאָן מיזאָמי – 20 צו 1, ער איז שוין געווען צוויי לענגען פֿאָרויס, האָט ער איבערגערוקט דאָס שטיקל קאַרטאָפֿל, כדי מוליע זאָל געניי

זען זיין פּאָזיציע. נאָך אים האָט זיך ווי אַ ווינט געצויגן דאַלאַגאַרי - 7 צו 1, און דער ממזר האָט אויסגעזען צו זיין זייער רירעוודיק. די געטאָקטע פּיסעלעך - ווי ביי אַ נקבה, האָבן איבערהויפּט דאָס פעלד ניט אָנגערירט, אַ שיינקייט צו קוקן... און איך האָב פּונקט געהאַט אַ "טיפּ" פון באַרמאַן "סנאָווי"; אַ זיכערער געווינער, זאָגט ער - אייזן. היינט גיי וויס, אַז דער טאַלאַק וועט קומען צו ערשט - און ער האָט מיטאַמאָל אַ רוק געטאָן אַ שטיק קאַרטאָפל צום "פּאָטאָ-פּיניש" - און מיינער, אָט דער הילצערנער פערד - וועט פאַרשפּילן... וואָלט איך כאָטש געהאַט אַ "קוויד" אין לעצטן "רייס", וואָלט איך זיך אָפּגעכאַפּט. נאָר גיי מאַך, אַז אין טאַש האָבן זיך געבאָמבלט די לעצטע צוויי שילינג...

מוליע האָט באַלד איינגעזען, אַז שולדיק אין דעם וואָס דערעק האָט פאַרשפּילט, איז ער, און צו זיין קאָפּ וועט עס אויסגיין...

- זאָרג זיך ניט "בראַסאָ" (אַזוי האָבן מוליען גערופן זיינע "באָרדערס", צוליב די גאָלדענע ציין, טאַקע).

- עס וועט זיין "אָלרייט", און אַ ביסל האָפּערדיק, שוין גאָר, גאָר וויניקער, האָט ער אַ פרעג געטאָן;

- האָסט אַ פונט ביז דאָנערשטיק? - ווייסטאָך, "פּיי-דעי". מוליע האָט אים אַריינגערוקט אין האַנט אַ גרין פּאַפּירל און זיך אָפּגעטראָגן. ער האָט שפּעטער פאַרשריבן אין אַ קליין ביכעלע, מיט אָפּגעקנייטשטע ברעגן; - דעריק איקאָנאָר אַ קערבל. עלעהיי מיין פערד האָט פאַרשפּילט...

דורך דער זייטיקער טיר האָט זיך אין קיך אַריינגשאַרט מאַרטע, די באַלעבאָסטע פון "באָרדינג-האַוז". דער שלאָפראָק, וואָס איז אין זיין ערשטער יוגנט געווען אַ גרינער, ווערדליק עס מערקט זיך אין דער געפּאָלכטענער שטריק, האָט אַצינד געהאַט דעם קאָליר פון אַ לאַנג ניט געוואַשענעם לינאָלעום, ביי וועמען די פעדעם נעמען זיך שוין דריבלען אין די עקן. דער געפּלאָכטענער גאַרטל האָט אונטערגעהאַלטן די שווערע אַראָפּהענגענדיקע בריסט וואָס האָבן פונאַנדערגעשטופּט דעם שלאָפראָק. און ווייל די געפּלאָכטענע שנור האָט ניט געקאָנט טאָן אַלץ מיטאַמאָל; אי אונטערהאַלטן דעם בוזעם, אי האַלטן אין צוים די פּאָלעס, האָט מאַרטאַ געמוזט יעדעס מאָל מיטן האַנט צוהאַלטן די פּאָלעס, און געטאָן האָט זי עס מיט אַ געשיקטער נאָכלעסיקייט זיי זאָלן זיך ניט צעעפענען צו ווייט, און אויך ניט אַלץ פאַרשטעלן. די עפענונג צווישן די פּאָלעס האָט געדאַרפט זיין אַ מיסטעריעזע, צופעליקע עפענונג, וועלכע זאָל געהיימניספול לאָקן... ווייל מאַרטאַ איז געווען אין דעם עלטער, אין וועלכן עס איז שוין ניטאָ וואָס צו באַהאַלטן...

די האָר זענען געווען איינגעדרייט אין אַ וואָסערע צוויי טוץ קלאַמערס, און זיי האָבן עס געדאַרפט אַרויפצווינגען אויף די האָר דעם ווילן פון מאַרטען - זיי זאָלן זיך לאָקלען, ווי די קרויזן ביי די שעפּסן, וואָס פּאַשען זיך אויף די ברייטע, אויסטראַלישע פליינען.

די האָר - ווי אַרעסטאַנטן, איינגעשמידט אין אייזנס - האָבן זיך געדרייט, געבויגן, אָבער ניט איינגעבראָכן. דעריבער. האָט זיי מאַרטאַ איבערן טאָג איינגעשמידט אין קלאַמערס. אויסער דער "אייזן קראָם" אויפן קאָפּ, האָט זי נאָך געטראָגן אין טאַש אַ רינג, מיט אָן אַ שיעור הפקרדיקע שליסלען, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום אָנגעהעריקייט צו וועלכע ניט איז שלעסער, וואָרים אַלע טירן אין "באָרדינג האַוז" האָט מען געקאָנט עפענען מיט איין שליסל, און די שענק האָבן איבערהויפּט ניט פאַרמאָגט אָט דעם זיכערהייטס-מעכאַניזם. אָבער צום אָנזען פון אַ באַלעבאָסטע - האָט מאַרטאַ

געוווּסט - געהערט אַ רינג מיט שליסלען. אַזוי האָט זיך געפּירט אין דער "אָלד קאַנטרי", אין "יוראָפּ". איר פּנים האָט אין דער האַלב־טונקעלער קיך אויסגעזען ווי אַ שלאַכט־פעלד. די מלחמה איז אָנגעגאַנגען צווישן דער אוראַלטער נאַטור, וואָס גייט איר וועג, און דער מאָדערנער מאַלעריי, וועלכע די כעמיקער האָבן אונטערגעטראָגן קינסלעכע פאַרבן. די ליפּן, באַדעקט מיט בלוט־רויטער קאָליר, האָבן אויסגעזען ווי צייטיקע קאַרשן, וואָס פינקלען אין דער זון, די ברעמען - אויסגעצופּט און פאַררונדיקט, זענען געווען די פּיילן־בויגנס וואָס דאַרפן אַדורכשלאָגן פּאַנצערס. די ברייטע נאָז איז פול געווען מיט דינע, בלויע אָדערלעך. דאָ האָט די נאַטור געזיגט און ניט געלאָזן זיך באַגוועלטיקן. אויך די קליינע בראָדעווקעס אין דער גאָמבע, פון וועלכע עס האָבן געשפּראָצט בינטלעך האָר ווי ווילדע קוסטעס אין סטעפּ, האָבן עדות געזאָגט וועגן דער מעכטיקייט פון גאָטס באַשאַף. עס איז געווען אַ שלאַכט־פעלד וווביידע האָבן אָפּגעהאַלטן נצחונות.

נאָר דעריקן איז עס ניט אָנגעגאַנגען. ער האָט עס געקענט, אָט ווי ער קען די הענט זיינע, וועלכע פאַרהאַקן זיך אין אַ באַל מיט וואָל, אָדער אין אַ זאַק מיט צוקער, וואָס ער טראָגט מיט געניטקייט איבערן שמאָלן בריקל אין שיף אַריין.

דער ראַדיאָ האָט פאַרהילכט די קיך מיט די קאָמענטאַרן פון די פערד־געיעגן. מאַרטאַ האָט לייכט אָפּגעשטופּט דעם געלן קאָטער וואָס האָט מיטן עק געצערטלט אירע פיס. אַרויסגענומען פון אייז־שאַנק אַ פלאַש ביר, און אָנגיסנדיק זיך אַ גלאָז, האָט זי אַ פעג געטאָן דעריקן.

- געהאַט מזל?

- אַ פאַרדאָסט מזל - האָט דעריק פאַרענדיקט די "טשיפּס" און אַ וויש געטאָן די פינגער אָן הינטן.

- ביי ווייבער האָסטו מער מזל ווי ביי פערד - האָט מאַרטאַ זייטיק אַ זאָג געטאָן, צווישן איין שלוק ביר און אַ צווייטן... דורכן האַלב־ליידיקן גלאָז האָט זי געהאַלטן אַן אויג אויף אים. זיינע אויגן האָבן זיך שמאַלציק צעשמייכלט, ווי זיינע ליפּן אויף וועלכע עס איז נאָך געלעגן אַ פעטער שיכט דריפּינג. ער האָט צוגעדריקט ס'אויג מיט אַ ווונק צו מוליען - וואָס האָט געקאָנט באַדייטן פונקט אַזוי אַלץ - ווי גאָרניט.

* * *

סטעללאַ יאָנג האָט געוווינט אין צימער נר' 4. איר טיר איז אויסגעקומען קעגנאיבער דעריקס. דאָס איז ניט געווען קיינעמס שולד. אַ צימער ווי יעדעס - האָט זי מוליע איינגעקוואַרטירט אין אָט דעם. זיין שוואַכקייט צו "ליידיס" האָט אים אונטערגעזאָגט צו געבן סטעללאַן דאָס צימער וועמענס פענצטער עפענען זיך אין גאָרטן אַנטקעגן די בעז־ביימלעך.

- אַליין, אַליין אין אַ "באָרדינג האַוז" - האָט מוליע געגעבן צו פאַרשטיין מאַרטאַן - דאַרף זי האָבן דאָס געפיל, אַז זי איז ביי זיך אין שטוב, און אויב זי וועט זיצן ביינאַכט ביים אָפענעם פענצטער, וועט זי קאָנען קוקן אין די שטערן, און...

- פּרווו ניט פאַרשטעלן דיינע מיינדעלעך מיט פּאָעזיע - האָט אים מאַרטאַ איבערגעריסן - ליידי, זי איז אַזאַ ליידי ווי איך בין אַ בתולה...

מאָל דיר, ווען איך וואָלט דאָ געווען, וואָלט איך איר אַזוי פיל פאַרדונגען אַ צימער - האָט זי אים אונטער־געטראָגן אונטערן נאָז אַ געפלאָכטענע פייג...

- דיינע ליידיס. דו ביזט אַ מבין אויף ווייבער, ווי דעריק אויף פערד...

זי האָט אַ לאַנגן זופּ געטאָן פון ביר־גלאָז, כדי וואָס שנעלער איבערצוקומען דעם שוים און צוקומען צום קאַלטן ביר. זי האָט געהאַט אַרויסצוזאָגן ווען סטעללאַ נאָך אַ פּאָר פון אירע באַמערקונגען, אָבער זי האָט ניט געוואָלט, אַז מוליע זאָל טראַכטן,אַז די דאָזיקע מויד האָט עפּעס פאַר איר אַ באַדייטונג.

- ליידי -האָט זי אַרויסגעלאָזן ווי אַן איבערגעהיצטער קעסל אַ שנירעלע דאַמף.

אַז מאַרטאַ איז אים גוט אַריין אין די ביינער, האָט זיך מוליע אַ נעם געטאָן צום באַגאַזש פון שטעטל. ס'הייסט - ער אַליין האָט דאָ גאָרניט וואָס צוצוגעבן, אָדער אַראָפּנעמען, און ער איז איבערהויפּט ניט שולדיק: וואָס ביי זיי אין שטעטל, אין דער "אָלד קאַנטרי" האָט מען אַזוי געזאָגט;

- אַז קלעאָפּאַטרע איז געווען אין דיינע יאָרן איז שוין איר לידל געווען אַן אָפּגעזונגענס... - די דאָזיקע דינע באַמערקונג האָט מאַרטען אויפגעשאָקלט, אַזש דער בונט שליסלען האָט זיך צעקלונגען און די אייזערנע קלאַמערס האָבן גענומען ציטערן;

- צום טייוול מיט דיין "אָלד קאַנטרי", יו בלאַדי דייגאָ...

און כאָטש מוליע איז ווייט ניט געווען קיין איטאַליענער, וועלכע די אויסטראַליער רופן געוויינטלעך "דייגאָס" - האָט ער פון דעסטוועגן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט ניט מער וואָס צו טאָן אין קיך.

- האָסטו געהערט ס'לשון וואָס מיין ברויט־געבער רעדט עס צו מיר, זיין מיסיס...

- נעם זיך ניט איבער, דאַרלינג - האָט דעריק פון דער זייט אַרויפגעלייגט זיין ברייטע, פלאַטשיקע האַנט אויף איר בוזים. - דו ביזט די ליידי אין דעם הויז, און קיינער קאָן ניט זיך פאַרגלייכן מיט דיר, אַפילו ניט די צעלאָזענע מויד סטעללאַ, וואָס איז ניט מער ווי אַן אַבאָרידזשינישער מישלינג...

ביי זיך האָט ער אָבער אָפּגעמאַכט זיין מיינונג וועגן מוליען - האָט "גאָטס", דער ממזר... פאַרזיכערט פון דעריקן, אַז זי איז נאָך אַלץ מאַרטאַ - די רעספּעקטאַבעלע דאַמע פון "באָרדינג האַוז", האָט זי אויסגעטרונקען דאָס לעצטע ביסל ביר וואָס איז פאַרבליבן אין פלאַש, און דערביי אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן מוליען אַ באַשלוס אין צווויי שפּראַכן גלייכצייטיק, אָט ווי זי וואָלט גערעדט צו אים און זי האָט זיך געוואָלט פאַרזיכערן, אַז ער האָט ריכטיק פאַרשטאַנען.

- די נאַכט וועט ער שוין שלאָפן אַליין... און כדי נאָך בולטער צו אילוסטרירן ווי אַזוי ער וועט טאָקע שלאָפן, האָט זי אַ זאָג געטאָן אין ענגליש: - הי וויל בי אין דהי דאָג האַוז...

* * *

אָנגעטראָפן האָט זיך סטעללא מיט דער באַלאַבאָסטע ביים אָוונט־ברויט אין קיך. ווען זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, האָט סטעללאַ מיטן אינסטיק פון אַ בוש־מענטש דערשפּירט, אַז מאַרטאַ וועט איר קיין פריינד ניט זיין. זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט צו דער באַלעבאָסטע, נאָך איידער מוליע האָט באַוויזן זי פאָרצושטעלן. - מאַרטאַ - האָט זי זיך אָנגערופן - לאָמיר האָפן, אַז מירן זיין פריינד...

- שור... שור... מירן באַשטימט זַיין פריינד. נאָר ביי זיך האָט זי אָפּגעמאַכט; אויב זי וועט מיר ניט קריכן אין וועג אַריין... סטעללאַ האָט זיך געפילט פאַרלוירן אין דער גרויסער שטאָט. זי איז געווען אַ געמיש צווישן אַן איינגעבוירענער פרוי, אַן אַבאָרידזשין, און אַ ווייסן פּי־טרייבער, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין ווייטן אויסטראַלישן צענטראַל־לאַנד. דורך דעם דאָזיקן לאַנד. אָן וועגן, כמעט אָן וואַסער, האָט דער פּי־טרייבער געיאָגט די סטאַדעס פון איין אָרט צום צוייטן. בלויז אַן אַבאָרידזשין האָט

געקאָנט מיטמאַכן דאָס שווערע וואַנדער־לעבן און איז דעם פּי־טרייבער געווען אַ הילף און אַ ווייב.

פון דעם דאָזיקן צונויפקום האָט סטעללאַ געירשנט אַ קאָפּ דינע, שוואַרצע, ענג־צונויפגעפּרעסטע האָר, וואָס האָבן געגלאַנצט ווי אַ שטיק אַנטראַציט, נאָר וואָס אויסגעהאַקט פון דער קוילן־שאַכט. אין אירע אויגן האָבן נאָך געפינקלט די פייערן פון שייטערס, וועלכע האָבן באַליכטן די נאַכטיקע קאַראַבוראַ־טענץ אין אוראַלטן בוש. דער בוש – דאָס איז געווען איר מאַמעס היימלאַנד. די אויסגעבענקטע, נאַכטיקע טענץ ביים שייטער האָבן געדאַרפט פאַרכישופן די גיפטיקע שלאַנגען, וואָס האָבן זיך פאַרטייעטע געגליטשט צווישן די שטיינער־שפּאַלטן, צווישן גראָזן אין אויסגעטריקנטע טייך־קאָרעטעס. זיי האָבן זיך געגליטשט מיט גענייטקייט, געָרושלאָז, גרייט צו פאַרגיפטן דעם קרבן מיטן גאָפּלדיקן צינגל, כדי אים דערנאָך אַראָפּשלינגען גאַנצערהייט.

די נאַכטיקע טענץ האָבן אויך געדאַרפט אַרויסרופן די גייסטער פון די אַוועקגעגאַנגענע פון שבט – זיי זאָלן זיך פאַרזאַמלען, כדי אָפּצוהיטן דעם שבט אין דער געהיימניספולקייט פון דער נאַכט, ווען די פייערן לעשן זיך אויס, און עס בלייבט נאָר דער רויטער גלי פון די קוילן.

אין סטעללאַס אויגן האָט זיך אָפּגעזעצט אָט דער פאַרבאָרגענער כישוף פון די אַבאָרדזשינישע נעכט אין אויסטראַלישן בוש.

פון טאַטן האָט זי געירשנט אַ ווייסע, פון זון פאַרברוינטע הויט, און אַ פעסטן, ברייטביינערדיקן קערפּער. זי איז דעריבער מער ענלעך געווען אויף אַ דאָרפס־מיידל. הגם אירע פאָרמען האָט געפעלט די סימעטרישע האַרמאָניע האָט זי אָבער פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט ניט געלאָזן מען זאָל איר פאַרבייגיין און ניט פאַרהאַלטן דעם בליק אויף אַ ווייל. דער דאָזיקער ווייליקער בליק האָט ערגעץ ווו איבערגעלאָזן אַן אָפּקלאַנג, אַ ברעקל וואָס שאַפט דערנאָך די פּערל ביים אויסטער: אַ וויבריר, וואָס צעשאָקלט די גלייכגילטיקייט.

דעריק האָט אין געדאַנק ניט געקאָנט אַריבערשפּאַנען דעם אויפרודער וואָס סטעללאַס אויגן האָבן אַרויסגערופן אין אים. עפּעס אַ צאַרטע ווייכקייט האָט זיך צעגאָסן איבער זיינע גלידער. אַזאַ געפיל האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געהאַט. אַפילו ניט דאַן, ווען זיין "פייוואָריט" פערדל איז געקומען דער ערשטער. דאָס געפיל האָט ער ניט געהאַט אַפילו דאַן, ווען דער שוימיקער ביר איז ווי פון אַ קוואַל געפלאָסן פון די בייכיקע, הילצערנע פעסער גלייך צו אים אין די גאָרגעלעך אַריין. אין דעם צוואַקסענעם יונג האָט עס גערודערט. עס איז געווען אַנדערש ווי דאָס, וואָס ער האָט געפילט מיט מאַרטען. עס איז געווען אַ געפיל, ווען מען נעמט אַ קליין קעצל אויפן שויס, מען גלעט עס, מען צערטל דאָס סאַמעטענע פעלעכל, מען האָט הנאה ווען דאָס קעצל לעקט מיטן רויטן צינגל דאָס שיסעלע וואַרימע מילך. מען פילט די צוגעבונדקייט צום קעצל מיט אַ ניט זעבאַרן פאָדעם – דעם פאָדעם פון צוגעהערן.

אַ ווייטע שטימע, ווי דער עכאָ וואָס קייקלט זיך איבער בערג, האָט אים גערופן. געצויגן האָט אים, ווי דעם פלאַטערל צום נאַכטיקן גלי פון פייער...

דעריק האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון זיין צימער, אַרומקוקנדיק זיך. עס איז געווען שטיל, ווי קיין לעבעדיק באַשעפעניש וואָלט זיך דאָ ניט געפונען. ער האָט אַ דריק געטאָן דאָס הענטל פון סטעללאַס צימער...

* * *

צומאַרגנס איז געווען זונטיק. דעריק האָט זיך געפּאָרעט אין די אינגעווײדן פון אַלטן "פֿאָרד". אַרויסגעשלעפּט רערלעך, אויליקע שרויפן, מוטרעס, און זיי אויסגעלייגט אויף אַ שמאַטע. אויסגעשרויפט די פונקען־צינדער און זיי אויסגעשלייפט מיט שמערגל־פּאַפּיר. אַן אויסגעפּאָרענע אויטאָ־רייף האָט זיך געוואַלגערט דערנעבן און די יאַטלעך פון גאַס האָבן ניט אויפגעהערט דאַקוטשען דעריקן, ער זאָל זיי לאָזן אַרויסנעמען די גומענע לופט־רייף. זיי ווילן "פּיקסן דעם פּאַנטשער". דעריק האָט צו זיי גערעדט ווי צו גלייכע:

–ממזרים, איר זענט זיכער, אַז איר ווייסט ווי מען מאַכט עס?

– שור! – האָבן זיי אים פֿאַרזיכערט – שוין הונדערט מאָל אפשר געהאָלפן דעם "אָלד מען". מוליע, וואָס האָט גאָרניט פֿאַרשטאַנען פון מעכאַניזמען, איז געשטאַנען דערנעבן און זיך צוגעקוקט, ווי דעריקס פינגער ווערן וואָס אַ מאָל שמוציקער, אַזש עס פֿאַרכאַפּט שוין אַ שטיק האַנט. זיינע ניט־ראַזירטע באַקן זענען שלאַבערדיק אַראָפּגעהאָנגען, ווי ביי אַן אַלטן בולדאָג. די וואַסערדיקע אויגן אין רויטע רעמלעך האָבן זיך געבעטן ביי דעריקן:

– הלמאי האָסטו עס געטאָן?

עס איז געגנוג געווען, אַז דעריק זאָל אָנקוקן מוליען, כדי צו וויסן ווו ער האָט גענעכטיקט.

– זי האַלט דיך קורץ, דיין אַלטע, האַ? – האָט ער אים זייטיק אַ פרעג געטאָן. ביזט שוין די נאַכט געווען אין "דאָג־האָוז". נאָך אַלעמען, ביסטו דאָך אַ מאַן; זיי ניט קיין "טשיקן"...

– אַלץ צוליב סטעללאַן – האָט מוליע ניט דרייסט אַ זאָג געטאָן. – ניט געדאַרפט איר פֿאַרדינגען אַ צימער; עמעצער איז דאָרטן געווען די נאַכט, און מאַרטאַ האָט נאָר געוואָלט, איך זאָל נאָכקוקן – ווער... – נו? – האָט דעריק געוואָלט וויסן.

– עס שמעקט מיט טראָבל – האָט זיך מוליע אויסגעדרייט פון ענטפערן.

– לאָז זיך ניט שטופּן פון אַ נקבה, אַפילו ווען זי איז דיין ווייב – האָט ער אַ זאָג געטאָן, און ווידער אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין מאָטאָר.

– איך נעם היינט אַרויס סטעללאַן פֿאַר אַ "דרייוו". קומסט מיט, "בראַסאָ"? פֿאַרגעס נאָר ניט מיטנעמען דעם פלאַשן־עפּענער פֿאַרן ביר.

– עס שמעקט מיט טראָבל... – האָט מוליע אַ ברום געטאָן און זיך געלאָזט מיטן הינטערשטן אַריינגאַנג צום הויז. דעריק האָט אַ וויש געטאָן די פֿאַרפּעצטע הענט אין אַ שמאַטע, אַריינגעזעצט דאָס הענטל אין מאָטאָר און גענומען אים לאָזן אין גאַנג. עס האָט געסאָפּעט, געקרעכצט און צום סוף זיך צעלאָזן מיט אַ גערויש פון די צילינדערס. דעריק האָט צוגעלייגט אַן אויער דאָ און דאָרט, ווי ער וואָלט געווען אַ דאָקטאָר און אויסגעטאַפּט דעם דופק פון אַ חולה. זיין פּנים האָט געשמייכלט פון צופֿרידנקייט.

– פיין, אָלד באָי – האָט ער זיך אַליין גערימט – האָסט עס "געפיקסט"...

ער האָט אַריינגעוואָרפן אין קאַסטן אונטערן געזעס די שליסלען, גומענע רערלעך, דראָטן, שרויפנציער און אַלץ וואָס איז אים נאָר געקומען אין האַנט אַריין. ער האָט דעם קאַסטן צוגעדעקט מיטן אויסגעריבענעם, צעראַטעוועטעם געזעס.

–מ'קאָן נעמען איינפּאַקן צו דער רייזע...

מיט איין שפרונג איז ער אַריבער דעם נידעריקן פֿאַרקאַן, און מיטן צווייטן פוס איז ער שוין געווען כמעט ביי דער קיך־טיר, ווען ער האָט דערהערט אַ שטילן כליפּעי קאָרידאָר איז סטעללאַ געזעסן אויף איר צוזאַמענגעבונדענעם פּעקל קליי־

געווען דאָס געוויין פון אַ קינד וואָס האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט אין מיטן נאַכט און עס ווייס ניט, ווו עס געפינט זיך, און וואָס מיט זיך צו טאָן. די געפילן וואָס באַהערשן דאָס קינד, די אומבאַהאָלפענע מורא - זיי ווערן באַגלייט פון טרערן, וועלכע באַנעצן דאָס קישן. אַ ווײַלע האָט זי זיך פאַרטראַכט, פאַרגעסן. געבליבן שטיל און אָט האָבן ווידער אַ קלונג געטאָן אין אירע אויערן די פּאָר ווערטער וואָס מאַרטאַ האָט איר געוואָרפן אין פּנים אַריין: "בלעק טאַרט"...

דער דאָזיקער זאָג האָט ערגעץ ווו ווייטאָגדיק אַ שניט געטאָן, און דער שטראָם טרערן האָט ווידער גענומען פליִיצן איבער איר פּנים.

- און אַז אַ שוואַרצע, איז וואָס? האָט זי זיך אַליין געפרעגט, און הילפלאָז צעפּירט די הענט. צווערשט איז דעריק געבליבן שטיין, אָט ווי זיינע געלע אויסגעריבענע שיך וואָלטן פּלוצלינג אויפגעטראָטן אויף הייסע סמאָלע און זיך צוגעקלעפּט. דער אימפּעט פון גאַנג האָט אים נאָך אַ וויג געטאָן, אָבער די פיס האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט.

- טראָבל? האָט זי דיר אָפּגעזאָגט דעם צימער? האָט זי דיר עפּעס געזאָגט? וואָס האָט פּאַסירט?

דעריק האָט אַלץ געוואָלט וויסן מיט איין מאָל.

נאָר סטעללאַס קאָפּ, אַראָפּגעלאָזט צו די ציטערנדיקע קני, איז געבליבן אומבאַוועגלעך הענגען. מיטן האַנט האָט דעריק אונטערגעהויבן איר גאָמבע, אָנגעקוקט אירע פייכטע אויגן פון וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט דער עלנט פון אַ היימלאָזן מענטשן... אויף דער מינוט האָט ער ניט געגוי פאַרשטאַנען וואָס דער בליק זאָגט. ער האָט בלויז אַרויסגעפילט, אַז סטעללאַן איז דאָ אָפּגעטאָן געוואָרן אַ מוראדיקע עוולה וועלכע מען קאָן ניט פאַרשווייגן.

- צי זיך אַרויס פון דאַנען, דו "בלעק טאַרט" - האָט זי געזאָגט. גיי צוריק קיין עליס ספּרינגס, צו דיינע שוואַרצע שלאַנגען־פרעסער. גיי אין בוש צו דיינע "אַבאָס", דאָרט איז דיין אָרט... עס האָט איר פאַרפעלט אָטעם, און ווידער האָבן אירע טרערן גענומען ריזלען איבער די באַקן...

אין דעריקן האָט זיך עס אָנגעצונדן, אָט ווי עס צינדט זיך אָן אַ בוש־פייער. מיט אַמאָל נעמט עס ברענען פון אַלע זייטן. עס לויפט דורכן גראָז צו די ביימער־שפּיצן און דורך די קרוינען נעמען די פייער־צונגען אַריבערשפּרינגען ווייטער. און אָט טוט עס זיך אַ לאָז אַראָפּ צוריק איבערן טרוקענעם גראָז און די פייער־צונגען פאַרשפּרייטן זיך איבער אַלץ, וואָס קאָן זיך אָנכאַפּן און פאַרוואַנדלען עס אין גליענדן אַש. אין דעריקן האָט דער כעת געברענט אין אַלע אָדערן, אין די מוסקולן, און אונטער די האָר־וואָרצלען.

און אויב זי איז אַן "אַבאַ", איז וואָס - האָט ער אַ שליידער געטאָן אַ בינטל ווערטער מאַרטען אין פּנים.

- זי איז אַ מענטש אַזוי גוט ווי דו! - ער האָט אַפילו ניט געפּרובירט פאַרמילדערן די אומשטענדן דערמיט, וואָס סטעללאַ איז אַ "האַפּ־קאַסט"...

מאַרטאַ האָט אויפגעמאַכט אַ פּאָר אויגן, ווי זי וואָלט דעם־אָ דעריק איקאָנער געזען פאַר זיך דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן. עס איז פאַר איר געווען אַן איבעראַשנדיקע אַנטדעקונג, אַז אָט דער יונג מיט די גראָבע אָדערדיקע הענט, וואָס האָט נאָר אין זינען פערד־געיעגן און ביר, זאָל מיט אַמאָל אַרויסוויזן האַרץ פאַר אַ שוואַרצער, אַן "אַבאַ".

- מיינסטו עס ערנסט? - האָט מאַרטאַ אַ פרעג געטאָן, נאָר דעריק האָט זיך ניט וויסנדיק געמאַכט... פון אונטער זיין בעט האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַן (המשך ז' 57)

משה וואָלף

# יידן אין יאַפּאַן

"והפיצך יהוה בכל העמים מקצה הארץ
עד קצה הארץ" (דברים כה, 86)
"און גאָט וועט דיך צעשפּרייטן צווישן אַלע אומות,
פון עק ערד ביז עק ערד" (לויט יהואש)

דער אויבן געבראַכטער פּסוק פון דער פּרשה "כי תבא" (דברים) איז אָנגעזאָגט געוואָרן אונדזערע אור־אור עלטערן ווי אַ וואָרענונג און ווי אַ קללה, איידער זייער אַריינגיין אין צוגעזאָגטן הייליקן לאַנד. און טאַקע, אין די גוטע יאָרן, פאַר זייערע גרויסע זינד איז די קללה מקוים געוואָרן. די רוימער האָבן באַהערשט דאָס לאַנד, חרוב געמאַכט דעם בית המקדש און אַרויסטעטריבן די איינוווינער פון לאַנד אין די תפוצות. אָבער אין אונדזער היסטאָריע זענען געווען געשעענישן, וועלכע האָבן די דאָזיקע קללה איבערגעקערט אין אַ "ברכה". צומבולטסטן האָט די מעטאַמאָרפאָזע זיך אַרויסגעוויזן אין די צייטן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה. אַ צאָל יידן, ווען עס האָט זיך איינגעגעבן "זיך צעשפּרייטן פון עק ערד ביז עק ערד", זענען ניצול געוואָרן פון שטראָף־לאַגערן, פון אוממענטשלעכע דערנידערונגען און פון אומקום. איינער פון די מקומות המקלט פאַר טויזנטער יידן - בירגער פון די נאַצי־אָקופּירטע לענדער איז געווען יאַפּאַן - די סטראַטעגישע שטאָט קאָבע, וועלכע איז אין 1200 יאָר געווען באַוווסט ווי איינער פון די וויכטיקסטע פּאָרטן אין לאַנד. אין 19 י"ה איז דער דאָזיקער פּאָרט געווען איינער פון די ערשטע וואָס האָט זיך געעפנט פאַר אויסלענדערישן מסחר. אין דער דאָזיקער קאָסמאָפּאָליטישער שטאָט, צווישן 1.5 מיליאָן איינוווינער, לעבן 50 טויזנט קאָרעער, כינעזער, אַמעריקאַנער, ענגלענדער און פאָרשטייער פון אַ סך אַנדערע פעלקער, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט פאַרשיידענע ביזנעסן - רעסטאָראַנען און קלייטן. איז דאָך ניט קיין ווונדער וואָס צווישן די פאַרשיידענע אויסלענער געפינען זיך אויך יידן.

די ערשטע יידן, אָנגעקומענע קיין יאַפּאַן, זענען געווען סוחרים. זיי האָבן אָנגעהויבן קומען אַהער אין 1862־סטן יאָר, ווען יאַפּאַן האָט זיך געעפנט פאַר מסחר מיט די מערב־לענדער. אין סוף 1865 האָבן אין יאָקאָהאַמע געלעבט 50 יידישע פאַמיליעס.

אין 1880 האָבן יידן געגומען זיך באַזעצן אין נאַגאַסאַקי - אַ וויכטיקער פּאָרט פאַר האַנדל מיט רוסלאַנד. אין סוף פון 19־טן י"ה האָט אין נאַגאַסאַקי עקזיסטירט די גרעסטע יידישע קהילה. אויך אין קאָבע האָט אין יענער צייט זיך צונויפגענומען אַ גרויסע יידישע עדה מיט רעליגיעזע אינסטיטוציעס און מיט אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אין קאָבע האָבן יידן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין 1890. די האַנדל־ענינים האָבן אַהער געבראַכט ספרדים פון באַגדאַד און אַלעפּפּאָ, אשכנזים פון פּוילן און רוסלאַנד. די ספרדים האָבן זיך קאָנצענטרירט אין קאָבע. זיי האָבן געהאַט אַן אייגענע שיל "אוהל שלמה", וועלכע עס האָט בשעתו אויסגעבויעט שלמה סאַסון.

אין 1923 האָט יאָקאַהאַמע איבערגעלעבט אַן שטאַרקע ערדציטערניש. דער פּאָרט איז חרוב געוואָרן. דאָס האָט געצווונגען די יידן פון נאַגאַסאַקי אַריבערקלייבן זיך קיין קאָבע. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען אַהער אָנגעקומען אַן ערך 17 טויזנט יידן, וועלע האָבן דאָ באַקומען אַ ציטווייליקן מקום מנוחה. אין 1940 האָבן אין דער שטאָט פונקציאָנירט 2 שילן און אַפילו אַ ישיבה. אין ראָטעווען די יידן פון היטלערס

(י"ש) אָקופּירטע לענדער האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל באַזונדערע הויך־אָנגעשטעלטע דיפּלאָמאַטן. צווישן זיי איז געווען דער ד"ר קאַצודזי סעצוזאָ, וועלכער האָט שטודירט רעליגיע אין בערקלי (קאַליפאָרניע), און האָט פריער געאַרבעט אַלס דיפּלאָמאַט אין מיניסטעריום פאַר אויסלענדישע ענינים. אין סוף 1940 האָט ער באַזוכט דעם אויסערן־מיניסטער מאַצואָקי יאָסוקע און האָט אים געבעטן דערלויבן די יידישע פּליטים לעבן אין יאַפּאַן. נאָך לאַנגע וויקלונגען האָט דער מיניסטער געגעבן זיין הסכמה, נאָר מיט אַ תנאי, אַז די אָרטיקע פּאָליציי זאָל אויך געבן אויף דעם איר דערלויבעניש. קאַצודזי האָט אונטערגעקויפט די פּאָליציי פון קאָבע און ער האָט פּאָראָרדנט, אַז זיי מעגן פאַרבלייבן אין דער שטאָט, נאָר יעדע וואָך מוזן זיי פאַרלענגערן זייערע וויזעס.

נאָך גרעסער איז געווען דער אויפטו פון סוגיהאַראַ סעמפּאָ אין ראַטעווען יידן פון טויט בעת די יאָרן פון דער שואה. ער איז געווען דער קאָנסול אין קאַונאַס, קאָוונע, (ליטע) אין 1940. אין יענעם יאָר, ריזיקירנדיק מיט זיין דיפּלאָמאַטישער קאַריערע און אַפילו מיט זיין לעבן, האָט ער איגנאָרירט די באַפעלן פון דעם דעמאָלטיקן אויסערן־מיניסטער אויפצוהערן אַרבעטן. סוגיהאַראַ האָט פאַרלענגערט זיין עבודת־קודש

- ער האָט אויסגעשריבן טראַנזיט־וויזעס פאַר 6000 יידישע פּליטים פון פּוילן און ליטע. די דאָזיקע וויזעס האָבן דערלויבט אָן שום סכנה מיט דער באַן קומען קיין וולאַדיוואָסטאָק, און פון דאָרטן, מיט שיפן דערגרייכן יאַפּאַן - די שטאָט און פּאָרט קאָבע. אַ גרויסע צאָל פּליטים איז דערלויבט געוואָרן זיך באַזעצן אין דעם טייל פון שאַנכיי, וואָס איז געווען אונטער יאַפּאַנס קאָנטראָל.



*דער פראָנט פון דער*
*ניי־אויפגעבויטער שול אין קאָבע*

אין קאָבע האָבן פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, בתוכם דער "דזשוינט", געהאָלפן די פּליטים מאַטעריעל. באַזונדערס האָבן די יאַפּאַנעזער געהאָלפן אויסהאַלטן די ישיבה "שלום" - 300 לערערס און תלמידים. אַדאַנק יאַפּאַן איז די דאָזיקע ישיבה געווען די איינציקע, וואָס האָט איבערגעלעבט די שואה. אין סוף פון 1941 האָט דאָס רוב פּליטים זיך אַריבערגעקליבן אין אַנדערע לענדער און אין דעם יאַפּאַנישן טייל פון שאַנכיי.

ביז דער מלחמה האָט אין שאַנכיי געלעבט אַ גרויסע קהילה - 6000 יידן. אין די מלחמה יאָרן איז די צאָל יידן אויסגעוואַקסן און דערגרייכט 18 טויזנט נפשות. דער יאַפּאַנישער טייל פון שאַנכיי האָט אין פּולן זין פון וואָרט געראַטעוועט פון טויט טויזנטער יידן.

בעת דער מלחמה, ווען די אַמעריקאַנער האָבן אָנגעהויבן באַמבאַרדירן יאַפּאַן, איז פאַרברענט געוואָרן די ספרדישע קאָנגרעגאַציע. די אַשכנזישע האָט אַריינגעלאָזט צו זיך די נשרפים און פריינדלעך זיך באַצויגן צו זיי. כדי זיך באַשיצן פון די באָמבירדירונגען, האָט דאָס רוב יידן אין אַפּריל 1945 זיך אַריבערגעצויגן קיין אַרימאַ - אַ קוראָרט־שטעטל.

דאָרט האָבן זיי אַרענדירט צענדליקער באַנגאַלאָס וועלכע עס האָבן אויפגעבויט די פּראָפעסאָרן פון דעם קיאָטאָ־אוניווערסיטעט אויף אָפּרו בעת די זומער־וואַקאַציע.

נאָך דער מלחמה האָבן אַ סך פון די יידישע פּליטים עמיגרירט קיין אַמעריקע און עולה געווען קיין ארץ ישראל. ניט געקוקט אויף דעם, האָט זיך אין קאָבע פּאַרהיט די עלטסטע יידישע קהילה פון יאַפּאַן און אויך דער בית עולם - אַן עכטע היסטאָרישע מערקווירדיקייט. דאָרט קאָן מען געפינען די קברים (מצבות פון מענטשן, וועלכע זענען געקומען פון אַמסטערדאַם, רוסלאַנד, סיריע און אַמעריקע).

פאַר דער פאַרברענטער שיל "אוהל שלמה", האָט שלמהס זון, רחמאָ סאַסון געפונען אַ נייע געביידע און די דאָזיקע קאָנגרעגאַציע פונקציאָנירט עד היום. לאַנגע יאָרן איז די פאַמיליע סאַסון - דוד סאַסון - געווען דער פּרעזידענט פון David Sassoon & Co. דער היינטצייטיקער יידישער קהילה־צענטער איז אויפגעבויט געוואָרן אין 1970־סטן יאָר. די קהילה האָט צונויפגעקליבן אַ סומע געלט און רימאָ האָט פאַר אַ סימבאָליש־נידעריקן פּרייז איר "פאַרקויפט" זיין נחלה. אַזוי אַרום האָבן די יידן באַקומען די מעגלעכקייט אויפצושטעלן אַן אייגענעם קולטור־צענטער - אַ שיל, אַ ביבליאָטעק, אַ שולע מיט אַ ספּאָרטזאַל, וועלכער פירט דורך אַ ריי קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען און האַלט אונטער באַציונגען מיט ישראל.

---

(סוף פון ז' 54)
אַלטע, צעפאָרענע וואַליזע, אַריינגעוואָרפן אין איר עטלעכע שטיקער קליידונג, דעם אייזערנעם האַק מיט וועלכן ער פאָרט יעדן פרימאָרגן צו דער אַרבעט אין פאָרט, און אַ פּאָר בלעכענע שעכטעלעך מיט ביר. ער האָט די וואַליזע פאַרצויגן מיט אַ גרינעם, מיליטערישן פאַסיק און אַריינמאַרשירט אין קיך אַריין. - טשירי אַ "בראַסאָ", אָלד־באָי - האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מוליען עטלעכע געזעגנונגס־ווערטער - עס טוט מיר לייד פאַר דיר - האָט ער אים אַ ווונק געטאָן אין דער ריכטונג ווו מאַרטאַ איז געשטאַנען און זיך געלאָזט גיין. סטעללאַ איז נאָך אַלץ געזעסן איבער איר קלומיקל. די טרערן האָבן זיך נאָך ניט באַוויזן אויסטריקענען. אָבער געוויינט האָט זי שוין ניט מער. זי האָט געטראַכט זיך אויפצוהויבן, איבערבעטן מאַרטען פאַר עפּעס אַ פעלער, וועלכן זי איז ניט באַגאַנגען, און צוזאָגן אַרויסצוהעלפן אין קיך. אַבי זי זאָל קענען דאָ בלייבן ווינען. וואוהין זאָל זי גיין? זי איז געווען איינע אַליין אין דער גרויסער שטאָט.

אַ פעסטע האַנט האָט איר אויפגעהויבן. די זעלבע האַנט האָט איר אַרויסגעפירט אין דרויסן. צוערשט האָט דעריק אַריינגעוואָרפן אויפן הינטערשטן זיץ זיין וואַליזע, דאַן סטעללאַס קלומיקל קליידער. סטעללאַ האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט ברייט אויפגעמאַכט די טיר פון אויטאָ.

- שפּרינג אַריין!

- מיידל - דו ביסט ניט מער אַליין - האָט ער אַ זאָג געטאָן מער צו די מעכאַנישע קנעפּלעך. ער האָט צוגעקלאַפּט די טיר און פאַרנומען דעם זיץ ביים רעדל.

דער אַלטער "פאָרד" איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ געברום און זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער שטילער. זונטיקדיקער גאַס, מיט זיינע אויסגעפאָרענע רייפן...

משה שקליאַר

# מיט דעם יידישן ליד אין דער גרויסער וועלט
## *אַ בינטל זיכרונות*

פאַראַן ביי פּרצן אַ ווונדערלעכע דערציילונג "צווישן צוויי בערג", ווו ער שילדערט דעם קאַמף צווישן בריסקער רב און דעם ווילנער גאון, און אויף דער פלאַך – דעם קאַמף צווישן די חסידים און מתנגדים. דער חסידישער "באַרג" איז, פאַרשטייט זיך, די שטאָט בריסק, וואָס ליגט אויף דער גרענעץ צווישן ווייסרוסלאַנד און קרוינפּוילן, ווו דער חסידיזם האָט געשלאָגן באַזונדערס טיפע וואָרצלען, און געדינט פּרצן ווי די קאַנווע פאַר זיין דערציילונג. אָט פון יענער שטאָט, פון יענעם "באַרג" שטאַמט די דיכטערין דאָרע טייטלבוים, פון דאָרטן איז זי, ווי אַ באַרג־אָדלער אַרויסגעפלויגן אין דער גרויסער וועלט מיט איר יידישן ליד, וואָס האָט הויך אָפּגעקלונגען נישט בלויז צווישן יידן, ווי מיר וועלן עס ווייטער זען, און געטראָגן האָט זי מיט זיך די חסידישע התלהבות, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט נישט בלויז אין אירע ברייט פאַרנעמיקע געזאַנגען, נאָר אויך אין איר וואָרט, אין איר אופן פון רעדן צו אַן עולם, און בכל אין איר אופן פון קאָמוניקירן. ווער עס האָט זי איין מאָל בעהערט איז שווער זי צו פאַרגעסן. זי האָט פשוט מיטגעריסן אַלעמען מיט איר התלהבות.

געבוירן געוואָרן איז דאָרע טייטלבוים דעם 17־טן דעצעמבער 1914, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, אין בריסק, וואָס מען האָט גערופן ברעסט־ליטאָווסק. אירע עלטערן זענען געווען פשוטע בעלי מלאכות. צו צוועלף יאָר האָט שוין דאָרע אָנגעהויבן שרייבן לידער. אין 1932 יאָר פאָרט זי אָפּ פון פוילן קיין אַמעריקע. אין אַמעריקע אַרבעט זי פיל יאָרן אין שאָפּן פון היט און גלייכצייטיק לערנט זי זיך אויף אָוונט־קורסן. אין גיכן ווערט זי אַקטיוו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג ווי אויך אין די פּראָגרעסיווע קולטור־קרייזן, וואָס גרופּירן זיך אַרום דער צייטונג "מאָרגן פרייהייט" און דעם איקוף. זי ווערט אַ לערערין אין די שולן פון פראַטערנאַלן פאַלקס־אָרדן און אין 1940 יאָר הייבט זי אָן דרוקן אירע לידער אין דער "מאָרגן פרייהייט", "יידישע קולטור" און אַנדערע פּראָגרעסיווע לינקע אויסגאַבן אין אַמעריקע און אין אייראָפּע. אירע לידער דערשיינען אויך אין ענגלישער איבערזעצונג אין "דיילי וואָרקער", דזשויש לייף" און אַנדערע אויסגאַבן. בכלל האָט דאָרע טייטלבוים, ווי עס שרייבט דער באַקאַנטער דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער יעקב צבי שאַרגעל, מזל צו איבערזעצונגען און איבערזעצער. אחוץ אין ענגליש זענען דאָרע טייטלבוימס לידער איבערזעצט געוואָרן אין פראַנצויזיש, רוסיש, פּויליש וויעטנאַמיש, כינעזיש און העברעיש. און נישט דורך אַבי וועמען. אין העברעיש האָבן אירע לידער איבערגעזעצט די דיכטער און גרויסמייסטער פון העברעישן לשון אברהם שלאָנסקי, אַלעקסאַנדער פּען, אמיר גלבוע און נתן יונתן, און אין פראַנצויזיש – דער באַקאַנטער יידיש־פראַנצויזישער דיכטער שאַרל דאָבזשינסקי.

ווייניקער מזל האָט די דיכטערין לכתחילה געהאַט צו דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק. נישט אַז מען זאָל זי האָבן נישט דערשאַצט, נאָר צוליב פאַרשיידענע סיבות, קאָן זיין פּאָליטישע, האָט מען ווייניק געשריבן וועגן איר שאַפונג און וועגן אירע ביכער. נאָר דאָס איז שוין אַן אַנדער טעמע. גענוג צו זאָגן, אַז זי איז אַ געוויסע צייט געווען פאַרכאַפּט פון דער כינעזישער קולטור־רעוואָלוציע און האָט געשריבן, פּונקט ווי איר מאַן, ד"ר הערשל מייער, ענטוזיאַסטישע אַרטיקלען וועגן כינע נאָך אַ באַזוך אויפן

ווייטן מזרח...

...אין 1944 יאָר איז ביים איקוף־פאַרלאַג אין ניו־יאָרק דערשינען דאָרע טייטלבוימס ערשט לידערבוך א"נ "אין מיטן וועלט", איר צווייטע לידער־זאַמלונג א"נ "הימל און ערד" דערשיינט אין יאָר 1948. ווייטער קומען אירע ביכער "מיטן פּנים צום לעבן" (אַ זאַמלונג רייזע־איינדרוקן פון איר באַזוך אין די דעמאָלטיקע פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, אין ישראל און מערב־אייראָפּע). עס קומען אַרויס אירע לידער־זאַמלונגען "מיט אויגן אָפענע"; "די באַלאַדע פון ליטל ראָק" (וועגן די ראַסן־עקסצעסן אין די דרום־שטאַטן פון אַמעריקע); "ס'האָט דער ווינט גערעדט צו מיר יידיש" (וואָס איז אַ מעכטיקער הימען צו אונדזער מאַמע־לשון און האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם מיט די פאַנטאַסטישע וויזיעס און אומגעווייינטלעכער בילדלעכקייט); "אויפן וועג "צום מענטש" איז אַרויס אין יאָר 1965 אין וואַרשעווער פאַרלאַג "יידיש בוך" און ווערט פייערלעך אָפּגעמערקט אויף אַן אויסאָרן־אָוונט מיט דער באַטייליקונג פון דאָרע טייטלבוים. איך האָב דעמאָלט צווישן אַנדערע גערעדט וועגן דער "מענלעכקייט" פון דאָרע טייטלבוימס דיכטונג (וואַרשיינלעך בין איך געווען אַ "שאָוויניסט פּיג" און כ'האָב גאָרנישט געוווּסט וועגן דעם). אין פאַרלאַג "ישראל בוך" איז שפּעטער אַרויס דאָרע טייטלבוימס בוך "שטיגן צו הייכן", און "ביים טויער פון מעת־לעתן". ווי מיר זעען איז דאָרע טייטלבוים געווען זייער שעפעריש, זי האָט געטראָגן אין זיך אַ קוואַל פון פּאָעזיע און געטיילט דעם דאָזיקן קוואַל מיט אַ ברייטער האַנט.



אויפן בילד פון רעכטס: מיכאל מירסקי, דוד ספּארד,
דאָרע טייטלבוים און משה שקליאַר

סוף פופציקער יאָרן האָבן דאָרע טייטלבוים און איר מאַן, ד"ר הערשל מייער, זיך באַזעצט אין פּאַריז פון וואַנען זיי זענען אייניקע מאָל געקומען קיין פּוילן און דעמאָלט האָב איך זיך נעענטער באַקענט מיט דער דיכטערין. אייגנטלעך האָבן מיר זיך געהאַט באַגעגנט אַ סך פריער, נאָך אין יאָר 1947, ווען דאָרע טייטלבוים האָט צום ערשטן מאָל באַזוכט פּוילן נאָך דעם חורבן און זי איז אַרומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך פון די ניי אויפגעקומענע יידישע ישובים אין נידערשלעזיע. איך האָב דעמאָלט באַגריסט די דיכטערין אין איינעם פון די יוגנט־לאַגערן אין דעם מאָלערישן שטעטל ביעלאַווע, ווו איך האָב פאַרבראַכט צוזאַמען מיט מיין צוקונפטיקער פרוי, אויך אַ דאָרע, וואָס איז אַליין געווען אַ ניצול געוואָרענע פון חורבן. פון יענעם ערשטן באַזוך דאָרעס אין פּוילן,

און טאַקע אין ביעלאַוועו, ווו עס האָט זיך געפונען אַ יידישע קינדערהיים, שטאַמט דאָס באַוווסטע ליד אירס וועגן שמואליקן דעם קליינעם, וואָס איז "פון אַכט געבליבן איינער"...

די לעצטע יאָרן האָט דאָרע טייטלבוים געלעבט אין ישראל און געשאַפן נייע ווערק ביז די לעצטע טעג פון איר לעבן, באַזינגענדיק דאָס יידישע לאַנד מיט אַלע זיינע שיינקייטן, מעלות און חסרונות.

זי האָט אונדז געלאָזן אַ רייכע ירושה פון איר לעבעדיקער, שפרודלדיקער פּאָעזיע און זי לעבט אין איר ליד וואָס וועט דויערן דורך צייטן. די פונדאַציע פּאַר יונגע יידיש שאַפערס, וואָס טראָגט איר נאָמען, וועט אַוודאי אויך מיטווירקן, אַז דאָרע טייטלבוים זאָל קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

און נישט פאַרגעסן ווערן וועלן אירע לידער און פּאָעמעס, ווייל זיי זענען, פונקט ווי זי אַליין, פול מיט שטורעם און דראַנג און גלייכצייטיק אָטעמען זיי מיט אַ גנעדיקער שטילקייט. אָבער אויך זיי, די לידער איינגעהילטע אין שטילקייט, רייסן זיך אָפט אַרויס פון די ברעגן און שטורעמען אויף מיט מעכטיקע כוואַליעס. אַזעלכע זענען אירע יונגע לידער אויף סאָציאַלע טעמעס פול מיט פּראָטעסט קעגן דער אומגלייכהייט אויף דער וועלט, אירע אויפטרייסלענדיקע לידער וועגן ראַסיזם אין אַמעריקע, ווי די דערמאָנטע פּאָעמע "די באַלאַדע פון ליטל ראָק", אירע נאַטור-לידער און אינטים-לירישע מאָטיוון. שטענדיק שטייט אין צענטער פון איר דיכטונג דער מענטש מיט זיינע טרוימען און האָפענונגען. אירע בילדער, אימאַזשן און מעטאַפאָרן, וואָס באַרייכערן איר ליד, זענען ביז גאָר אָריגינעל, עטעמען מיט אַן אייגנאַרטיקן אַראָמאַט, אָפטמאָל לויפן זיי פאָרויס די צייט און אַן אַנדערש מאָל גרייכן זיי טיף אין דער יידישער טראַדיציע, אין אונדזער פיל טויזנט יאָריקער געשיכטע, ווי למעל. אין איר פּאָעמע "אין די בערג".

> ווי יפתחס טאָכטער אין די בערג אַ גאַנצן טאָג איך וואַנדער,
> עס גייט איר יונגער שאָטן שטילערהייט מיר נאָך פון אין דער פרי.
> מיר גיסן ווי צוויי טייכן זיך צונויף, מיר טיילן זיך טונאַנדער,
> עס מורמלט אַ שטים מיר אין געהיים: "ביסט זי, ביסט זי, ביסט זי!"

זי גרייכט אין אירע לידער און פּאָעמעס נישט בלויז אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, איר ברויזנדיקע פאַנטאַזיע טראָגט זי אין די הימלען, אַריבער די וואָלקנס, און גלייכצייטיק איז זי טיף פאַרוואָרצלט אינעם ערדיקן באָדן, און אַלץ וואָס געשעט אַרום איר שפּיגלט זיך אָפּ אין איר פּאָעטישן האַרץ, אין איר ברייט-פאַרנעמיקן געזאַנג.

אָפטמאָל דאַכט זיך, אַז די דיכטערין ברענט צוזאַמען מיט דעם פלאַם פון איר ליד. ווי אין אירע שורות וועגן חורבן:

> "די פונקען פון פייער אין לייב איינגעברענט מיר.
> ווי טאַטעס דעם מרור אויף קינדערשע צונגען,
> איך וועל אין די מיילער פון ווינטן פאַרזייען,
> זיי זאָלן מיין טרויער-הויז זיין.
> יעדן טאָג, יעדע נאַכט דור אוים און דור איין,
> צינדן מיין האַנט אויף דאָסניי וועט דעם צאָרן,
> ברענען און ברענען און פאַרלאָשן נישט ווערן
> ווי אין מדבר משהס פלאַמיקער דאָרן".

←

טרוים קאַץ הענדלער

## שפּילן אַזאַרט

זי גלעט דיין האַנט;
ביסט איר מלאך,
איר באַשיצער,
איר היטער,
איר דיאַמאַנט.

איך קוק
און הער אַן אָרכידעע
וואָס וואַקסט
אין דער לופטן
אָן שורש, אָן יורש.

דאָס טירגלעקל
גלעקלט ניט;
די טיר איז פאַרשפאַרט --
איך דערוואַרט ניט
קיין שפּיל פון אַזאַרט.

מיר זיינען שריים
איינס דעם אַנדערן,
נאַשעריי וואָס בלייבט איבער,
פאַרקאָכט מיט פיבער
אין באַזונדערע שטיבער.

## אַן אמתער טרוים

קעניגס־טרוים, מלכהס־טרוים,
געטרוימט האָבן מיר זיך אַ לאַנד
ווייט און נאָענט, נאָענט און ווייט,
אַן ערגעצלאַנד מיט קוצעניו־מוצעניו.

מיר האָבן געשאַפן אַ ליד אויף יידיש
מיט צונגיקן תענוג און ניגונדיקער פרייד,
דערטרוימט אונדזער טרוים אויף יידיש
און באַהאַלטן דאָס טרויער־קלייד.

אַן אויסגעהונגערטער פיבער האָט זיך צעפלאַקערט
הינטער דער פאַרשלאָסענער טיר,
אומדערזעטלעך, באַגעריק, פאַרלאַנגיק --
מיר זיינען פאַרכאַפּט, דו מיט מיר.

די אייביקע שימחה איז פאַרבלאַסט,
דער ווין איז אַ בלוטיקער שפּאַס.

---

שרייבנדיק די קורצע דערמאָנונג וועגן דאָרע טייטלבוים האָב איך געעפנט איר בוך מיט דעם כאַראַקטעריסטישן נאָמען "אויפן וועג צום מענטש" - דאָס איז דער וועג מיט וועלכן זי איז געגאַנגען אַ לעבן לאַנג און האָט אים געפונען אין ליד און דורך ליד. אויף דער ערשטער זייט פונעם בוך איז פאַראַן דאָרעס אַ דעדיקאַציע, וואָס לייענט זיך: "דעם טייערן דיכטער און חבר משה שקליאַר מיט אַ וואַרעם האַרץ. דאָרע טייטלבוים, וואַרשע, אַפּריל 1966". עס איז אוודאי איבעריק צו זאָגן, אַז דאָס בוך איז מיר באַזונדערס טייער. ווען נאָר איך נעם עס אין האַנט פיל איך דאָס פולסירנדיקע וואַרעמע האַרץ פון דער דיכטערין, אָט דאָס האַרציקע האַרץ, מיט וועלכן זי האָט אויסגעזונגען אַלע אירע לידער. זאָל דאָס האַרץ פון דער דיכטערין שוועבן איבער אונדז און צווישן אונדז.

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* **אלכסנדר שפּיגלבלאַט**: "קרימעווע, אַן אַלטפרענקישע מעשה". ירושלים, 2005, 233 זז'. דאָס איז אַ געשיכטע וועגן אַ יידישן ישיבה־בחור, אַן עילוי פון אַ פאַרוואָרפן יידיש שטעטל ערגעץ צווישן בערג אין מזרח־אייראָפּע, און זיינע דאַנגלעגישן מיט זיך און מיט גאָט. דער מחבר פירט אַרויס אַ גאַלעריע פון פאַרשיידענע קאָמפּליצירטע געשטאַלטן, יידן און גוים, יעדער מיט זיינע אייגענע פּראָבלעמען און כאַראַקטערן, און צווישן זיי - דער הויפּט־העלד, איטשע־מאיר, וועלכער וואַנדערט אין דער וועלט אַ פאַרלוירענער, פּרווונדיק אַנטלויפן פון יידישקייט, כדי זיך שפּעטער צוריקקערן און שטאַרבן אַן איינזאַמער אויפן קבר פון ר' מאיר בעל־הנס ביים כנרת אין ארץ ישראל. עס איז אַ פאַרכאַפּנדיקע "אַלטפרענקישע מעשה", געשילדערט מיט מאָדערנע היינטצייטיקע מיטלען, אויפן פאָן פון דורותדיקן יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע, וואָס איז אָפּגעמעקט געוואָרן בעתן חורבן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

* "**טאָפּלפּונקט**" נומ' 9, ווינטער 2005, תל־אביב. פערטליאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור; קונסט און געזעלשאַפטלעכע פראַגעס, אַרויסגעגעבן דורך דער נאַציאָנאַלער אינסטאַנץ פאַר יידישער קולטור. רעדאַקטאָר: **ישראל רודניצקי**. דער נומער איז רייך אילוסטרירט מיט בילדער פון קינסטלער **משה ראָזענטאַליס**.

* "**יידישע קולטור**" נומ, 1-6,, יאַנואַר־יוני 2004, ניו־יאָרק. חודש־שריפט פון יידישן קולטור־פאַרבאַנד. רעדאַקטאָר: **איטשע גאָלדבערג**; רעדאַקציע־סעקרעטאַר: **שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש**. דער נומער איז געווידמעט דעם 100־סטן געבוירן־יאָר פון באַוווסטן שרייבער, פּעדאַגאָג און רעדאַקטאָר **איטשע גאָלדבערג**

* "**אונדזער צייט**", אַפּריל־יוני 2005. אָרגאַן פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון בונד, ניו־יאָרק. רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיע.

* "**לעבנס־פראַגן**", יאַנואַר־פעברואַר 2005, תל־אביב. סאָציאַליסטישע חודש־שריפט פאַר פּאָליטיק געזעלשאַפט און קולטור. רעדאַקטאָר: **יצחק לודען**.

* "**די צוקונפט**", פרילינג 2005, ניו־יאָרק. אַרויסגעגעבן פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. רעדאַקטאָר: **איציק גאָטעסמאַן**.

* "**יידישע העפטן**", יולי־אויגוסט 2005, פאַריז. רעדאַקטירט דורך אַ קאָלעגיע.

* "**דוד האָפּשטיין פרייז**", תל־אביב 2005. צו דער נייַנצנטער פאַרטיילונג פונעם פרעסטיזשפולן דוד האָפשטיין־פרייז איז, ווי שטענדיק, אַרויס אַ בראָשור מיט לידער פונעם גרויסן דיכטער־קדוש, זיכרונות פון זיין אלמנה פייגע האָפשטיין, ביאָגראַפישע שטריכן פון די לאַורעאַטן און מאָטיוון פון דער זשורי. די היי־יאָרקע לאַורעאַטן זענען: **ד"ר יוסף גורי** און **באָריס סאַנדלער**.

* "**צום פונקט**" מאַי־יוני 2005. יידיש פון גרויס־וואַשינגטאָן. צווישפּראַכיקער בולעטין. רעדאַקטאָר פון יידישן טייל: **מאַרק האַרצמאַן**; רעדאַקטאָר פון ענגלישן טייל: **שעלבי שאַפּיראָ**

* "**דאָס יידישע וואָרט**" "Slowo Zydowskie" אַרויסגעבער: קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן, וואַרשע. הויפּט־רעדאַקטאָר: **זביגניעוו סאָפּיאַן**. רעדאַקטאָר פון יידישן טייל: **גענייע בערגער**.

←

# כראָניק פון יידישן קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס

## פרילינג־זומער 2005

* זונטיק דעם 7־טן אַפּריל, צום אָנדענק פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, האָבן מיר אָפּגעגעבן כבוד אונדזערע העלדן און קדושים. די טרויער־פאַרזאַמלונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַ קאָמיטעט פון פאָרשטייער פון אַרבעטער־רינג, "יידישקייט ל.אַ", שלום־געזעלשאַפט, יידישן קולטור־קלוב אַ"אַ וועלטלעכע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט. מיט קורצע אַריינפיר־ווערטער זענען אַרויסגעטראָטן די פאַרזיצערין פון יידישן קולטור־קלוב **לילקע מייזנער** און **עריק גאָרדאָן** פון אַרבעטער־רינג. נאָכן צינדן זעקס יאָרצייט־ליכט האָט **יעקב באַסנער** דעמאָנסטרירט אַ קורצן ליכטבילדער־פילם א"נ "אויף די שפורן פון מיין פאַרגאַנגענהייט" - וועגן זיין באַזוך אין די ערטער פון יידישן אומקום. אָפּמערקנדיק גלייכצייטיק דעם 60־סטן יאָרטאָג זינט דער באַפרייונג פון די נאַצישע טויט־לאַגערן, האָבן זיך געטיילט מיט זייערע פּערזענלעכע דערמאָנונגען פון יענער צייט **בעבאַ לעווענטאַל** און **יעקב לעווין**. **פּעי אַבראַמאָוויטש** האָט געזונגען פּאַסיקע לידער. מיט דעם געזאַנג פון "זאָג נישט קיינמאָל" איז פאַרענדיקט געוואָרן די פאַרזאַמלונג.

* זונטיק דעם 15־טן מאַי 2 נ"מ האָבן מיר געהאַט אַ גאַסט פון פראַנקרייך, דעם וואָרט־קינסטלער **רפאל גאָלדוואַסער**. ער האָט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן אַרויסגעבראַכט שאַפונגען פון די יידישע דיכטער **אהרן צייטלין**, **יעקב גלאַטשטיין**, **א. לוצקי**, **משה לייב האַלפּערן** א"א. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט אים באַשאָנקען מיט וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן. אַ טאָג פריער איז דער גאַסט־אַקטיאָר אויפגעטראָטן אין אַ שטאָטישן טעאַטער־זאַל אין בעווערלי הילס מיט אַן אינסצעניזאַציע פון שלום־עליכמס טיפּן א"נ

←

---

* "אויפן שוועל", געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער זשורנאַל, אָרגאַן פון דער יידיש־ליגע. זומער־האַרבסט 2005, ניו־יאָרק. דער זשורנאַל, וועלכער גייט שוין אַרויס העכער זעכציק יאָר, האָט איצט באַקומען אַ נייע רעדאַקטאָרשע, שבע צוקער, און איז אַרויס אין אַ נייער פאַרגרעסערטער פאָרעם. מיר ווינטשן דעם זשורנאַל און זיין נייער, יונגער רעדאַקטאָרשע הצלחה אין דער ווייטערדיקער אַרבעט.

### נייע לידער-זאַמלונג פון דיכטער שמחה סימכאָוויטש

אין טאָראָנטאָ איז אַרויס אַ נייער באַנד פון שמחה סימכאָוויטשעס לידער מיטן נאָמען "דאָס ליכט פון חסד". דאָס בוך איז אַן אָפּקלייב פון לידער און פּאָעמעס פון סימכאָוויטשעס ערשטיקע ביכער: "אַזוי איז אַ יוגנט פאַרגאַנגען" (מאָנטרעאַל, 1950) און "אין שעה פון תפילה" (מאָנטרעאַל, 1958). אין דער נייער זאַמלונג זיינען אויך איינגעשלאָסן אַ צאָל שפּעטערדיקע שאַפונגען, וואָס זיינען ניט אַריין אין ערשטן באַנד פון סימכאָוויטשעס געזאַמלטע לידער "דעם נצח אַנטקעגן" (טאָראָנטאָ, 2003). "דאָס ליכט פון חסד" צוזאַמען מיט "דעם נצח אַנטקעגן" זיינען, אַזוי אַרום, אַ סומירונג פון סימכאָוויטשעס דיכטערישע שאַפונגען פון זינט זיין קומען קיין קאַנאַדע ביז היינט צו טאָג.

דאָס בוך קאָן מען באַשטעלן דורך אַריינשיקן אַ טשעק אויף 20 דאָלער אויפן אַדרעס:

S. Simchovitch Book Fund
17 Tillplain Rd.
North York, Ont. M3H 5R1, Canada

"ס'ברענט". דער באַרימטער אַקטיאָר טעאָדאָר ביקעל האָט באַשיינט דעם אָוונט מיט פראַגמענטן פון "פידלער אויפן דאַך". די פאָרשטעלונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם "קאַליפאָרניער אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור און שפּראַך".

* זונטיק דעם 29־סטן מאַי 2 נ"מ איז דער דיכטער משה שקליאַר אויפגעטראָטן מיט אַ לעקציע אד"ט "צוויי פּאָעמעס און מאַרק שאַגאַל". אַלאַ און סעם קאַנווייזער האָבן אויסגעפילט דעם מוזיקאַלישן פּראָגראַם.

* זונטיק דעם 12־טן יוני 2 נ"מ האָט דער עולם פאַרבראַכט אין אַ "פּאָעזיע־קאַבאַרעט. נאָכן אַריינפיר־וואָרט פון לילקע מייזנער האָבן די היגע יידישע דיכטער פּינע פּלאָטקין, מרים קאַראַל, לאה שווייצער (ענגליש), שרה מאָסקאָוויטש, פּראָפ. יאַנקל לעוויטאַוו (אַן ענגלישע איבערזעצונג פון ישראל שטערנס פּאָעמע "אָסטראָלענקאָ"), יעקב לעווין (אַ הומאָרעסקע אין פּערזן) און משה שקליאַר פאָרגלייענט זייערע שאַפונגען. מיט אַ פּאָפּורי פון יידישע ניגונים, אויסגעפילט אויף דער פּיאַנע, האָט באַשיינט דעם "קאַבאַרעט" פּסח מאַלעוויטש.

* זונטיק דעם 26־סטן יוני 2 נ"מ איז אונדזער קולטור־סעזאָן געשלאָסן געוואָרן מיט אַ מוזיק־קאָנצערט, אויסגעפילט דורך דער פּיאַנע־קינסטלערין דיאַנאַ וואָלמאַן און דעם וויאָלאָנטשעליסט דניאל סמיט. אַ גרויסער סופּריז איז געווען דער אויפטריט פון דער באַוווסטער יידישער אַקטריסע פון ישראל זשעניאַ פּייערמאַן, וועלכע איז געקומען אין שטאָט אויף אַ ווײַלע און באַוויזן אַנטייל צו נעמען אין אונדזער קאָנצערט. זי האָט מייסטערפול אויסגעפילט עטלעכע לידער פון מרדכי געבירטיג, איציק מאַנגער א"אַ יידישע דיכטער. דער עולם האָט באַשאָנקען די קינסטלער מיט וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן און זיך געזעגנט ביז צום קומענדיקן קולטור־סעזאָן ביי אונדז אין קלוב.

* זונטיק דעם 14-טן אויגוסט 2 נ"מ איז אין זאַל פון אַרבעטער־רינג פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג צום אָנדענק פון די אומגעבראַכטע דורכן סטאַלין־רעזשים סאָוועטיש־יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס. דער צונויפקום איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַ קאָמיטעט פון סעקולערע יידישע אָרגאַניזאַציעס: אַרבעטער־רינג, יידישער קולטור־קלוב, "יידישקייט ל.א." שלום־געזעלשאַפט א"א. מיט אַריינפיר־ווערטער האָבן געעפנט די פאַרזאַמלונג עריק גאָרדאָן (א"ר) און לילקע מייזנער (יידישער קולטור־קלוב). דאָס מאָל זענען באַזונדערס דערמאָנט געוואָרן די בונדישע פירערס הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, וועלכע האָבן געזאָלט אָרגאַניזירן דעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און זענען שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן דורכן סטאַלין־רעזשים. אַ נאַראַציע, געשטיצט אויף דאָקומענאַן וועגן לעבן און טויט פון ערליך און אַלטער, האָט צוגעגרייט הערשל האַרטמאַן פון דער שלום־געזעלשאַפט. פּאַסיקע לידער פון סאָוועטיש־יידישע דיכטערס האָט געזונגען פעי אַבראַמאָוויטש ווערניק, ביי דער פּיאַנאָ באַגלייטונג פון דזשעי הערוויטש.


**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר זיך ווענדן צו אונדזער פאַרוואַלטער:

JACOB LEWIN

6365 Orange St • LA, CA 90048

Telephone: 232 939-7379 פאַרוואַלטונג "חשבון"

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

דער דיסטריקט קאמיטעט פון

# אַרבעטער רינג

**שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע**
**מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.**

Dear friends, we earnestly appeal to you. Join the Workmen's Circle/Arbeter Ring and help us teach and preserve Yiddish for the next generation. Please do your part. Help us grow and sustain our critically important work. As Hillel has said, "If not you, who?" Join Now!

## ARBETER RING/
## THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035
(310) 552-2007 אָדער טעלעפאָנירט

---

דער לאָס אַנדזשעלעסער
יידישער קולטור קלוב
***שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע***
***אונדזערע מיטגלידער און פריינד***
***בכל מקום שהם***
תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

---

ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד, יידיש צוויג

**טשענקין ווייסבערג, פּרעז.**

יום־טובדיקע גרוסן און ווונטשן
צו די שרייבערס, אַדמיניסטראַציע
און לייענערס פון "חשבון".
זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין
ביים פאַרשפּרייטן
און פּאָפּוליאַריזירן די קולטור־אוצרות,
אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע
אין יידישן לשון.

**שעלבי שאַפּיראָ**
בעטעסדאַ, מערילענד

## אַ דאַנק

מיר דריקן אויס אַ האַרציקן דאַנק דער משפחה פון פאַרשטאָרבענעם **מיכאל בעקער** ז"ל (מינעאַפּאָליס, מנ.), וועלכע האָט אונדז איבערגעשיקט די סומע פון 2000 דאָלאַר, וואָס דער פאַרשטאָרבענער האָט באַשטימט אין זיין צוואה פאַר יידישע צייטשריפטן און קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע.

מיכאל בעקער איז געווען אַ ליבהאָבער פון דער יידישער קולטור און יידישן וואָרט, און זיין ליבשאַפט האָט ער אויסגעדריקט אין טאַט. זיין אָנדענק וועט אויף אייביק פאַרבלייבן מיט אונדז.

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון
"חשבון"

**הירש, טאָני**

**אין אָנדענק פון מיין ליבהאַרציקן מאַן**

**צבי ז״ל**

**ליינער, שמחה**

**און משפחה**

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

מיט דאַנק פאַר מיין זון וואָלאַדעק, די טעכטער לודמילאַ,
מרים מיט זייערע קינדער און אייניקלעך און דער גאַנצער
משפחה צום פייערן מיין נייַנציקסטן געבוירנטאָג.

זאַיאָנץ, מיכאל

---

ווינקלער, יוסף מעלבורן

---

האַדאַ, זשאַנעט

---

מאָסקאָוויטש, שרה

---

מייזנער, לילקע
אין אָנדענק פון מיין שלמהן

---

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

לעווין, רעגינע און יעקב

לעווענטאַל, בעבאַ און לי

קאַפּלאַן, רחל

שאַפּיראָ, רעי און מאַרטין

שייפער, דאַנאַ און בענסאָן